STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01178

ELYE BOHER UN ZAYN BOVE-BUKH

N. B. Minkoff

Permanent preservation of this book was made possible
by Rose Paul
in honor of
Lt. Cols. Sidney & Elizabeth Paul

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. ב. מינקאָוו

פון דעם זעלביקן מחבר:

לידער, פאַרלאַג אינזיך.

אונדזער פּיעראָ (לידער), פאַרלאַג יידיש לעבן.

מסעות פון לעצטן שאָטן (לידער), פאַרלאַג באָדן.

ביים ראַנד (לידער), פאַרלאַג באָדן.

יידישע קלאַסיקער פּאָעטן, פאַרלאַג באָדן.

סיסטעם און רעלאַטיוויקייט אין פּאָעזיע (וועגן מיכל ליכטן), פאַרלאַג יידיש לעבן.

אברהם רייזען (דער דיכטער פון ליד), פאַרלאַג באָדן.

אליה בחור און זיין בבא־בוך, פאַרלאַג מ. וואַקסער.

נ. ב. מינקאָוו

•

אליה בחור

און זיין בבא־בוך

פאַרלאַג מ. וואַקסער
147 דיוויזשאָן סטריט,
ניו־יאָרק 2, נ. י.

Copyright, 1950, by
N. B. MINKOFF
New York, N. Y.

Printed in U.S.A. by
The Shoulson Press, New York
255

אינהאַלט

אַריינפיר 9

ביאָגראַפישע פּרטים 11

אליה בחורס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור 14

וועגן בבא־בוך און וועגן וואַנדערנדיקע סיוזשעטן 21

אליה בחורס קינסטלערישקייט 29

דער גראַם 34

קינסטלערישער צמצום 40

בילדער 45

דינאַמיק, שאַרפע שילדערונג און דראַמאַטישקייט 50

אינהאַלט פון בבא־בוך (מיט אָטאַוואַ־רימאַס, אין
איצטיקן יידיש) 58

הקדמה און קאַפּיטלעך־רשימה אין ענגליש (לינקס) 5

593.
אונ׳ דא דער אנדר טג נון קומן וואר · דא זעלטן
זי זיך אל צו ספערדן · אונ׳ רייטן פֿור דעם פליש
דאר · מן קונט קוים פֿור אין זעהן די ערדן
אונ׳ דא זי נון אל דא ווארן גאר · דא קאמן צו
רייטן די צווין דען ווערדן · בבא נאך טרייץ
פֿוסציהן הונדרט מאנן · אונ׳ ער נאם די אנדרן
אונ׳ צוהן פֿון דאנן : 594.

אונ׳ רייטן דו הין אונ׳ ווארן ניט טרעג · צירונג
גנוק זי מיט אין נאמן · בבא לערנט זי וועג אונ׳
שטעג · ווען ער קענט די שטרושן אלי זאמן ·
זי רייטן מעבלי מונט אונ׳ טעג · ביש דש זיא גע
באבילוניא קאמן · אונ׳ דא זיא דר זאהן ד
די שטט פֿון וייטן · דא היש בבא אין בוטן
ואר אן הין רייטן : 595.

דש ער מארגריטה זולט זאגן די מער · ווי בבא
ניט ווער וייט פֿון דאנן · אונ׳ דש זי דרויף
גיוארט ווער · אונ׳ זולט היישן הארנישן אל איר
מאנן · אונ׳ ווען זי דורכט דש בבא דאר קומן
ווער · דא זולטן זי די טור אויף שפאנן · אונ׳
זולטן הרויש אויף די היידן ריטן . דא וועלן מיר
דש היר גנץ צו טרעבן :
הין וועק
יג ח

אַ זייטל פון דער ערשטער אויסגאַבע „בבא־בוך" (1541)

אַ ר י י נ פ י ר

צום 400סטן יאָרצייט נאָך דעם גרויסן יידישן פּאָעט אליה בחור האָט פּראָפ. יודאַ אַ. יאָפּע אַרויסגעגעבן אליה בחורס „בבא דאנטונא״ („בבא בוך״). ביזן יאָר 1931 איז געווען באַקאַנט, אַז די עלטסטע דרוקן פון בבא־בוך זייַנען די פּראַגער אויסגאַבע פון יאָר 1660 און די אַמסטערדאַמער פון יאָר 1661. דער גרויסער ביבליאָגראַף מאָריץ שטיינשניידער האָט געהאַלטן, אַז עס איז געווען נאָך אַ פריערדיקע אויסגאַבע מיט, אַן ערך 120־150 יאָר פאַר דער פּראַגער. און ער האָט טאַקע געטראָפן. אין 1931 האָט ד״ר מאַקס וויינרייך אַנטדעקט אין דער ציריכער „צענטראַל ביבליאָטעק״ די ערשטע אויסגאַבע, וואָס איז אַרויס אין איזנה אין 1541.

פּראָפ׳ יודאַ אַ. יאָפּע האָט איצט אַרויסגעגעבן אָט־דעם געפונענעם אוצר. דערמיט האָט זיך פאַר אונדז געעפנט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער ערשטער אויסגאַבע, פּינקטלעך ווי אליה בחור האָט זי אַרויסגעגעבן. איידער פּראָפ׳ יאָפּע האָט פאָטאָגראַפירט דאָס גאַנצע בוך האָט ער אויסגעבעסערט דאָס רוב דרוקפעלערן. יענע, וואָס ער האָט מחמת טעכנישע טעמים ניט געקענט אויסבעסערן, האָט ער אָנגעוויזן אויף זיי ביים סוף פון זיין באַלערנדיקער הקדמה. דאָרטן האָט ער אָפּגעדרוקט אַ פולע רשימה גרייזן, סיי פון די אויסגעבעסערטע און סיי פון די איבערגעלאָזענע.

אין זיין הקדמה (אין יידיש און אין ענגליש) שטעלט זיך פּראָפ׳ יאָפּע אָפּ אויף ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע פּרטים און וואַרפט דערמיט אַ העל ליכט אויף דער פּאָע־

טישער פיגור פון אַ גרויסן פּאַרגעסענעם פּאָעט. דערביי
קלערט ער אויף ווי אַזוי מע דאַרף צוגיין צו אליה בחורס
קינסטלערישע דערגרייכונגען און צו געוויסע פּאָעטישע
אייגנשאַפטן זיינע, ווי, למשל, שאַרפע, פרייע רייד, וואָס
זיינען אַן אויסדרוק פון דער רענעסאַנס־תּקופה און וואָס
אין דער איצטיקער צייט זעען זיי אונדז אויס ווי אייגנ־
שאַפטן פון אַ צו־פרייען גייסט.

ביאָגראַפישע פּרטים

אליה בחור בן אשר הלוי אשכנזי איז געבוירן געוואָרן אינעם דאָרף איפּשהיים, ביים טייך אייש, ניט ווייט פון רעגענסבורג, אינעם יאָר 1469. געווען איז ער דער יינגסטער אין אַ משפּחה פון ניין זין. די סיבה, וואָס האָט אים געבראַכט פון דייטשלאַנד קיין איטאַליע, בעת ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, איז אונדז ניט באַקאַנט. גיכער ווי אַלץ איז עס געווען דאָס ביטערע לעבן פון די דייטשישע יידן אין יענער צייט. דחקות און רדיפות האָבן געצוואונגען אַ סך דייטשישע יידן צו זוכן אַ מקום מנוחה פאַר זיך און פאַר זייערע משפּחות. דערפון זיינען טאַקע אַרויסגעוואַקסן די אשכנזישע קהילות אין צפון־איטאַליע, וואו די אשכנזיש־יידישע באַפעלקערונג האָט גערעדט דעם זעלביקן יידיש, וואָס עס האָבן בשעתו גערעדט די יידן אין דרום־דייטשלאַנד, פון וואַנען אליה בחור האָט געשטאַמט. און צווישן די דאָזיקע אשכנזישע יידיש־ריידנדיקע יידן האָט אונדזער פּאָעט געשאַפן זיינע יידישע ווערק. דאָס איז געווען אידער ער האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין רוים אין יאָר 1514, וואו ער האָט געלעבט 13 יאָר אינעם פּאַלאַץ פונעם גענעראַל פון אויגוסטינער אָרדן, דעם שפּעטערדיקן קאַרדינאַל עדזשידיאָ דאַ וויטערבאָ. אליה בחור האָט דעם קאַרדינאַל געלערנט העברעאיש, און ער פלעגט פאַר אים צוגרייטן אָפּשריפטן פון פאַרשיידענע ביכער, ווי דאָס איז, למשל, דער דיקער מאַנוסקריפּט פון העכער 1200 בלעטער וועגן קבלה, וואָס געפינט זיך אין בריטישן מוזיי.

ווען דער קעניג קאַרל האָט פאַרנומען רוים אין יאָר 1527 האָט אליה בחור געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט, וואו, פאַר־

טאָן אין אַרבעט, האָט ער געלעבט אַ רואיק לעבן. דאָ האָט ער פאַרבראַכט אין אַן אַנדער גייסטיקער אַטמאָספערע ווי אין זיין יוגנט אין פאַדואַ און ווענעדיק, וואו ער האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט און זיך מפרנס געווען פון לערערײ, פאַרשיידענע פילאָלאָגישע אַרבעטן, שרייבן, און קענטיק אויך, פון רעציטירן, זיינע ריטער־ראָמאַנען. צוויי יאָר האָט אליה בחור אַרומגעוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט ביז ער איז אין 1529 געקומען ווידער קיין ווענעדיק. דאָ זיינען אים געקומען צו הילף זיינע באַרימטע תלמידים — דער קאַר־דינאַל עדזשידיאָ דאַ וויטערבאָ און דער פראַנצויזישער אַמ־באַסאַדאָר זשאָרזש דע סעלוו. און ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט דאָ ניט געלעבט קיין האָניק, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די העבראַישע פּראָפעסור אין פּאַרי־זער אוניווערזיטעט, וואָס דער קעניג פראַנסואַ דער ערשטער האָט אים פאָרגעלייגט. אליה בחור האָט ניט געוואָלט לעבן אין אַ לאַנד, וואו מע האָט יידן ניט דערלויבט צו וואוינען זינט מע האָט זיי פאַרטריבן אין יאָר 1394. ער האָט בעסער אויס־געקליבן צו זיין אַ בעל מגיה און אַ רעדאַקטאָר אין דניאל באָמבערגס דרוקעריי. מיט ניין יאָר שפּעטער גייט אונטער באָמבערגס פירמע. אליה בחור איז ווידער אַ „פרייער" מענטש. עס נעמט אָבער ניט לאַנג און דער זיבעציק יאָרי־קער פּאָעט און געלערנטער פאַרלאָזט זיין משפּחה, גייט אַרי־בער די אַלפּן־בערג און קומט אָן קיין איזנה, אין ווירטעמ־בערג, וואו דער באַוואוסטער קריסטלעכער העבראַיסט און דרוקער, פּאול פאַגיוס, פאַרבעט אים צו זיין זיין מיטהעלפער און רעדאַקטאָר. דאָרטן באַקענט ער זיך מיט אַ סך קריסט־לעכע געלערנטע. צווישן זיי איז געווען דער באַרימטער הומאַניסט סעבאַסטיאַן מינסטער, וואָס האָט, אַגב, איבער־געזעצט אין לאַטיין אליה בחורס מערסטע ווערק, וואָס האָבן צו טאָן מיט תנ"ך און מיט דער העבראַישער שפּראַך. נאָך צוויי יאָר אין איזנה פאָרט ער צוזאַמען מיט פּאול פאַגיוסן קיין קאָנסטאַנץ, וואו זיי גיבן אַרויס עטלעכע טעקסט־ביכער צו לערנען די העבראַישע שפּראַך. און ווען פּאול

פאַגיוס פאָרט אין 1544 קיין סטראַסבורג איבערצונעמען אַ פּראָפעסאָר־שטעלע, קערט זיך אום אליה בחור צוריק אַהיים קיין ווענעדיק, וואו ער פאַרברענגט זיינע לעצטע יאָרן אין פאָרשן און שרייבן. געשטאָרבן איז ער אין יאָר 1549.

מיט זיינע פילאָלאָגישע אַרבעטן איז ער געווען דער גרינדער פון דער מאָדערנער שולע אין לערנען די העברע־אישע גראַמאַטיק. ער איז איינער פון די געציילטע גע־לערנטע פון זיין צייט, וואָס האָבן אין די קריסטלעכע גע־לערנטע קרייזן געהאָלפן דערהייבן העברעאיש צו דער מדרגה פון לאַטיין און גריכיש. מע קען אָן גוזמא זאָגן אַז דורך זיינע ביכער און תלמידים האָט ער בשעתו פאַרשפּרייט העברעאיש כמעט אין דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיטן תנ"ך און מיט זיין אָריגי־נעלער שפּראַך.

זיין גרעסט פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער ניקוד און די טראָפּ (טעמים) שטאַ־מען ניט מהר סיני, נאָר אַז זיי זיינען אַ שפּעטערדיקער צו־גאָב, און דערפאַר ניט קיין דבר שבקדושה. דאָס האָט אַרויס־גערופן בשעתו אַ סך בייזבלוט און די מחלוקת וועגן דעם האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָרהונדערטער. איצט איז זיין מיינונג אָנגענומען פון אַלעמען.

אליה בחורס אָרט אין דער ײדישער ליטעראַטור

אויף וויפל עס איז אונדז ביז איצט באַקאַנט, געהערן זיינע יידישע ווערק צום ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן, דאָס מיינט פאַרן יאָר 1514, ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט עדזשידיאָ דאַ וויטערבאָ. און זיינע אויפגעהיטע יידישע ווערק שטעלן מיט זיך פאָר בלויז אַ קליינעם טייל פון זיין שאַפן. אין דעם פראָלאָג צום „בבא בוך" שרייבט ער, אַז ער האָט ביז איצט „געשטיפט," „אין דער הייליגן גישריפט" אַכט אָדער ניין ביכער, אָבער איצט,

דיא וויל איך האַלט אַן ענד מיינר טאגן,
אונ׳ הוייט אודר מורגן קיר איך אויף די גאגן,
דא ווערן אל מייני בוכר און מייני לידר
ור געשן אונ׳ גיליגט דר נידר

(בעת איך האַלט ביים סוף פון מיינע טעג, און היינט אָדער מאָרגן וועל איך ליגן אויף מיין רוקן (איך וועל שטאַרבן), וועלן אַלע מיינע ביכער און מיינע לידער פאַרגעסן און געלייגט ווערן דער נידער)

דרום זול מיר קיינש דר בון רוקן,
איך וויל זיא אל נוך אננדר דרוקן

(דערפאַר זאָל קיינס (פון זיי) זיך ניט פאָרויסרוקן, איך וועל זיי אַלע דרוקן אין אַ סדר)

אונ׳ וויל אן היבן בשעה טובה
אן דעם דוזיגן בוך דש דא היישט בובא

(און וועל אָנהייבן אין אַ גוטער שעה מיטן דאָזיקן בוך, וואָס הייסט דאָ בבא)

אויך זיינע צוויי איינקלעך, וואָס האָבן געזעצט דאָס בבא־בוך, שרייבן ביים סוף פון דעם ראָמאַן (מן הסתם האָט עס אליה בחור געשריבן פאַר זיי):

אונ׳ דער גוט דער אונז הוט גיטון די טובה,
דש מיר אויז געדרוקט הבן בבא,
דער זול אונז אויך העלפן דש מיר דרוקן
דש בוך דער שונן גלוקן,
אונ׳ אַנדרי טוייטשי ספרים מין,
וכן יהי רצון אמן

(און דער גאָט, דער האָט אונדז געטאָן די טובה, דאָס מיר האָבן אויס־געדרוקט בבא ביזן סוף, דער זאָל אונדז העלפן אַז מיר זאָלן דרוקן דאָס בוך די „שיינע גליק" און נאָך אַנדערע טייטשע (יידישע) ספרים, וכן יהי רצון אמן.)

פון אַלע זיינע שאַפונגען אין יידיש זיינען דער־גאַנגען צו אונדז צוויי ריטער־ראָמאַנען אין סטאַנסן — דאָס „בבאָ בוך", „פּאַריז און וויענע", און צוויי לידער־פּאַסקווילן. פאַראַן אויך אַ שטיקל סברה, אַז דער אַרטור־ראָמאַן אין אָטאַווע רימאַ גע־הערט צו אליה בחורס פען. ביז מע וועט עס ניט אויספאָרשן פילאָלאָגיש און ליטעראַטור־וויסנשאַפטלעך, וועט עס אַלץ פאַרבלייבן אַ סברה. איין זאַך איז אָבער זיכער: דער פּאָעט פון דעם אַרטור־ראָמאַן אין אָטאַווע רימאַ (פאַראַן אויך אין פאַר־גראַמען און אין דער ניבעלונגען־סטראָפע) האָט זייער גוט געקענט דאָס „בבא בוך." אויף דער צווייטער זייט פון שער־בלאַט שטייט מיט גאָר קליינע אותיות: „דער ניגון פון בבא בוך טריפט זיך דרויף גאָר עבן" (דער ניגון פון בבא־בוך פּאַסט זיך אויף דעם גאָר גוט).

ווען מע באַקענט זיך גרינטלעך מיט אליה בחורס צוויי סטאַנסן־ראָמאַנען, באַזונדערס מיטן „בבא בוך", ווערט קלאָר, אַז אַ פּאָעט מיט אַזאַ פּאָעטישער קולטור, ווי אליה בחורס, האָט ניט געקענט זיין איינער פון די גאָר ערשטע יידישע פּאָעטן. אין דער אמתן איז ער אפשר דער לעצטער פּאָעט פון אַ רייכער ליטעראַרישער תקופה, וואָס איר אַנט־

וויקלונג האָט געדויערט אַ שיינע פּאָר הונדערט יאָר. די דאָזיקע תקופה איז רייך ניט נאָר אין ווערק, נאָר אויך אין זשאַנערן און ריכטונגען. באַקאַנט איז זי ביי אונדז ווי די שפּילמאַן־תקופה. זי האָט אַנטוויקלט איר אייגענע פּאָעטישע דיקציע, סטאַנדאַריזירטע פּאָעטישע פאָרמולעס און אַן אַל־געמיינעם צוגאַנג צו מיטלאַלטערלעכע ראָמאַנען. די בלי־צייט פון יענער תקופה געהערט צום 14־טן ביזן מיטן 16־טן יאָרהונדערט. די מערסטע פּאָעטן פון יענער תקופה זיינען געווען דייטשישע יידן. די דאָזיקע פּאָעטן פלעגן פאַר־טראָגן, פינקטלעכער געזאָגט, זיי פלעגן רעציטירן זייערע לידער און ראָמאַנען מיט באַשטימטע ניגונים. אַ סך ווערק פון דער דאָזיקער תקופה זיינען צו אונדז ניט דערגאַנגען. אַנדערע זיינען דערגאַנגען צו אונז אָן די נעמען פון די מחברים. מיר קענען בלויז עטלעכע נעמען פון פּאָעטן, וואָס האָבן געשאַפן מיט אַ 50 און 100 יאָר פריער איידער אליה בחור האָט זיך באַוויזן. דאָס זיינען שמואל הוגרלן (הוגער־לען), דער פאַרפאַסער פון אַ רעאַליסטיש, סאַרקאַסטיש מוסר־ליד קעגן אַזאַרט־שפּילן; שלמה זעלמלן (זעלמעלן) בן יקיר, דער פאַרפאַסער פון אַ באַרימט שבת־ליד „זייטן שפּיל און׳ אלן לושט...״ (סטרונע־שפּיל און איטלעכע לוסט); זלמן סופר מיט זיין ליד „זרע גפן״ וועגן דער מחלוקת צווישן וויין און וואַסער. פאַראַן אפילו לידער, וואָס שטאַמען נאָך פון דעם 15־טן יאָרהונדערט, ווי, למשל, דאָס ליד אין יידיש „אַדיר הוא״ (אייגנר גוט, נון בויא דיין טעמפּל שירי... איינציקער גאָט, נו בוי דיין טעמפּל באַלד...), שוין אָפּגע־רעדט פון דעם אַרטור־ראָמאַן אין פאָר־גראַמען, וואָס שטאַמט פון 14־טן יאָרהונדערט.

כדי אָבער ריכטיק צו פאַרשטיין אליה בחורס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור איז וויכטיק צו באַטאָנען, אַז די שפּילמאַן־תקופה, וואָס ער האָט אייגנטלעך געשלאָסן, האָט געהאַט אירע שטרעמונגען, ריכטונגען, אָדער ווי מיר רופן עס היינט — ליטעראַרישע שולן. און די סאַמע וויכ־טיקסטע שולע, פון דעם ריין קינסטלערישן שטאַנדפּונקט,

האָט אליה בחור אַליין געשאַפן. דאָס איז די „איטאַליעניש"
שולע אין דער יידישער ליטעראַטור. די צוויי שולעס פאַר
דער „איטאַליענישער" זיינען: די „אוניווערסאַלע" שולע, וואָס
האָט איבערגענומען אייראָפּעאישע ליטעראַרישע טעמעס
און זיי געפורעמט נאָך אייראָפּעאישע פאָרמעס נאָך; און די
„תנ"כישע" שולע, וואו יידישע פּאָעטן־שפּילמענער האָבן אין
די זעלביקע פאָרמעס אַריינגעגאָסן ביבלישע טעמעס.

די ליטעראַרישע שולע, וואָס אליה בחור האָט געשאַפן,
הייסט דערפאַר די איטאַליענישע, ווייל איר פאָרם — די
„אָטאַווע רימא" — איז געווען אַן איטאַליענישע פאָרם. אליה
בחור האָט זיין גאַנץ ליטעראַריש לעבן אָפּגעלעבט אין
איטאַליע און ער האָט פון דער איטאַליענישער ליטעראַטור
איבערגענומען די נאָרוואָס דערמאָנטע „אָטאַווע רימא", „גראַם
אין אַכט־געזעץ". דערמיט מיינט מען אַ סטראָפע פון אַכט
שורות, וואו די גראַמען זיינען היפשלעך שווערער — די ער־
שטע־דריטע־פינפטע שורה האָט דעם זעלביקן גראַם; שפּע־
טער, די צווייטע־פערטע־זעקסטע שורה — אַן אַנדער גראַם;
און נאָכדעם די זיבעטע און אַכטע שורה ווידער אַן אַנדער
גראַם.

אָנצושרייבן אַ סטראָפע אין אָטאַווע רימאַ איז גאָרניט
גרינג, מכל שכן ראָמאַנען פון אַ 650 סטראָפעס ווי דאָס
האָט אָנגעשריבן אליה בחור אין זיין „בבא בוך," און 800
סטראָפעס אין זיין ראָמאַן „פּאַריז און וויענע". כדי דאָס
צו דערגרייכן — אויף אַ קינסטלערישן אופן — דאַרף מען זיין
אַ גרויסער מייסטער, אַ ווירטואָז, און דאָס איז אליה בחור
טאַקע געווען.

אליהו בחורס אויפטו אין אָטאַווע רימאַ איז געווען
אפשר אַ גרעסערער ווי דער אויפטו פון די איטאַליענישע
פּאָעטן. די סיבה איז אַ גאַנץ פּשוטע: צו געפינען גראַמען
אין איטאַליעניש איז אַ סך גרינגער ווי אין יידיש און אוודאי
ווי אין דעם יידיש פון אָנהייב 16־טן יאָרהונדערט, ווען אליה
בחור האָט געשאַפן זיין בבא־בוך (1507). מחמת דער מאָר־
פאָלאָגיע (גראַמאַטישע פאָרמעס פון איינצלנע ווערטער) פון

דער איטאַליענישער שפּראַך שפּרודלט זי ממש מיט גראַ־מען. אַלע ענדונגען פון מענלעכן מין מערצאָל האָבן דעם קלאַנג „י." דאָס אַליין שטעלט־צו אַ סך גראַמען.

איניפניטיוון פון די ווערבן, למשל, ענדיקן זיך אויף „אַרע": פּראָווערביאַרע, ריענטאַרע, קאָנסערוואַרע, אַלאַמפּאַ־נאַרע, ריפּאַנדאַרע, אַפּעמינאַרע, אַלעסאַרע; אָדער אויף „ירע": פּראָווענירע, אינפּעטידירע, אַבאָרירע, דיווערטירע, פּרעווענטירע א. א. וו.

און ווען עס קומט צו פּאַרטיציפּן, ווערט דער ענין גראַמען גאָר אַ גרינגער, ווייל זיי ענדיקן זיך אָפט אין די קלאַנגען „אַטאַ": בעאַטאַ, קאַוואַלקאַטאַ, קאָמפּראַטאַ, ספּעראַ־טאַ, אַדאָרמענטאַטאַ, לאַסאַטאַ, טראָוואַטאַ, דאַלאָראַטאַ, מאַנטאַ־טאַ, רעלעוואַטאַ, לעגאַטאַ, אַלענטאַטאַ א. א. וו.

אַ חוץ די אייגנשאַפטן פון דער איטאַליענישער שפּראַך, וואָס שטעלן ממש צו דעם גראַם, האָט די אָטאַוואַ רימאַ אין דער איטאַליענישער ליטעראַטור געהאַט הינטער זיך אַ גרוי־סע טראַדיציע. אליה בחור איז געווען אַ פּיאָנער, בעת ער האָט געשאַפן די אָטאַוואַ רימאַ אין אַ שפּראַך, וואָס האָט זיך ניט געלאָזן אַזוי בויגן און פלעכטן דורך גראַמען. עס איז אמת, די גרויסע מייסטערס פון דער אָטאַוואַ רימאַ, ווי לאָדאָ־וויקאָ אַריאָסטאָ מיט זיין „אָרלאַנדאָ פוריאָזאָ" און טאָרקוואַטאָ טאַסאָ מיט זיין „באַפרייטן ירושלים", זיינען נאָך ניט געווען באַוואוסט אין די יאָרן ווען אליה בחור האָט געשריבן זיין בבא־בוך (1507). זיי זיינען געקומען ערשט שפּעטער. אָבער די איטאַליענישע אָטאַוואַ רימאַ האָט געהאַט שוין הינטער זיך דעם פּאָעט באָיאַרדאָ, אַריאָסטאָס פאָרגייער, און נאָך פרי־ער באָקאַטשיאָ, און אַפילו די פאָלקס־ראָמאַנען וועגן ריטער.

צו שרייבן אין אָטאַוואַ רימאַ איז זייער שווער ניט נאָר אין יידיש, נאָר אויך אין אַנדערע שפּראַכן. אין דייטש האָט זי זיך באַוויזן אַ הונדערט יאָר שפּעטער ווי אין יידיש. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט האָט די אָטאַוואַ רימאַ אין דער ענגלישער פּאָעזיע זיך באַפעסטיקט ערשט אין 19־טן יאָרהונדערט — אין לאָרד בייראָנס „דאָן זשואַן" און אין דזשאָן

קיטס „איזאַבעלאַ״. אין דער דייטשישער ליטעראַטור האָט געטע זי קולטיווירט. אין רוסיש איז זי אויפגעקומען אין זשוקאָווסקיס צייטן, טאַקע דורך זשוקאָווסקין, און דורך דעם דעקאַבריסט קיוכעלבעקער. פושקינס „דאָמיק וו׳ קאָלאָמניע״ איז געשריבן אין אָטאַווואַ רימאַ. אין דער נייער יידישער פאָעזיע פאַרנעמט זי אַן אָנגעזעען אָרט אין א. לעיעלעסעס שאַפן.

מע דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז דער גאַנצער ענין אַרום דער אָטאַוואַ רימאַ האָט אַ שייכות בלויז מיט ריינער טעכניק. עס איז מער ווי דאָס. עס איז אַ גרויסע ווירטואָזיטעט, וואָס איז, אַגב, אַליין פאַר זיך אַ פועל יוצא פון גרויסן טאַלאַנט. עס גייט אָבער דאָ נאָך אין אַן ענין: אין דעם דיכטערס פילעוודיקייט, אין זיין סענסיביליטעט, בעת ער באַנוצט זיך מיט זיין ווירטואָזקייט. און ועל כולם: ווי אַזוי עס אָטעמט דאָס ווערק. דאָס איז עפעס, וואָס לאָזט זיך ניט גרינג צו אַנאַליזירן און טיילן. צוליב דעם טאַקע רעדן מיר שטענדיק וועגן צוויי ספערעס — אַן אינהאַלט און אַ פאָרם. אָט אין דעם ניט־צעטיילעוודיקן איינס פון אינהאַלט און פאָרם — אָט אין דער אַבסאָלוטער האַרמאָניע — באַשטייט אליה בחורס גרויסער פאָעטישער ווערט.

עס קענען זיך זיין אמת די השערות, אַז אליה בחור האָט געשריבן זיינע סטאַנסן־ראָמאַנען אויף באַשטעלונגען, אָדער ווייל ער פלעגט זיי רעציטירן פאַרן עולם צוהערער פון פרנסה וועגן. די דאָזיקע סברה פאַרשטאַרקט מען דערמיט, וואָס מע ווייזט אָן, אַז אין די דרייצן יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין קאַרדינאַל עדזשידיאָס פאַלאַץ, האָט ער זיך אָפגעגעבן בלויז מיט זיינע שטודיעס און פאָרשונגען אין העברעאיש און האָט אינגאַנצן ווי פאַרגעסן זיין פאָעטישן באַרוף. דאָס קען זיך זיין אמת. אָבער ער איז שטענדיק געווען אַ פאָעט. וואָלט ער ניט געהאַלטן חשוב זיינע יידישע פאָעטישע ווערק, וואָלט ער זיך ניט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק זיי צו דרוקן איינס נאָך צווייטן. און זיין בבא־בוך האָט ער טאַקע אָפגעדרוקט אין 1541, בעת ער איז געווען שוין אַ ייד

פון איבער זיבעציק יאָר, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט דאָס ווערק אָנגעשריבן מיט אַ 34 יאָר פריער. ער אַליין האָט געגעבן געוואוסט דעם ווערט פון זיינע ווערק. און ניט נאָר האָט ער זיך באַטראַכט פאַר אַ פּאָעט, נאָר ער האָט טאַקע געהאַט דעם געמיט פון אַ פּאָעט. עס איז כדאי צו ברענגען די ציטאַטע פונעם שלוס־וואָרט אין זיין „תשבי״, וואו דער 73־יאָריקער פילאָלאָג און פּאָעט דריקט אויס זיין דיכטערישן זעל־געמיט: „אַריבערקומענדיק די בערג אויפן וועג קיין איזנה בין איך געשטאַנען פאַרציטערט, אין געדאַנקען האָב איך געטראַכט וועגן ווערטער און האָב זיי אויפגעשריבן אויפן טאָוול פון מיין האַרץ, און ווי נאָר איך בין צוגעקומען צום האַרבעריק (איינפאָר־הויז) לעבן שליאַך, האָב איך געעפנט דעם רייזעזאַק, אַרויסגענומען מיין נאָטיץ־בוך און איך האָב פאַרצייכנט די ווערטער, וואָס דער אַלמאַכטיקער האָט מיר אַריינגעלייגט אין האַרצן.״

ווען מע אַנאַליזירט זיינע ראָמאַנען און ווען מע פאַרגלייכט זיי מיט די שאַפונגען פון די פּאָעטן, וואָס פאַר אים, — ווערט קלאָר, אַז אליה בחור איז דער וויכטיקסטער פּאָעט פון דער גאַנצער שפּילמאַן־תקופה, וואָס ער האָט זי אַליין אַזוי גייסטרייך דערהויבן — און געשלאָסן.

וועגן בבא־בוך און וועגן וואַנדערנדיקע סיוזשעטן

דאָס סאַמע פּאָפּולערסטע ווערק פון דער גאַנצער שפּיל־מאַנישער ליטעראַטור איז געווען דאָס „בבא־בוך". אַ ראיה האָבן מיר אין דעם, וואָס דאָס בוך האָט דורכגעמאַכט פאַר־שיידענע גלגולים און מע האָט דעם ראָמאַן געלייענט האַרט ביז אונדזערע טעג. אין ווילנע איז אַרויס אַן אויפלאַגע אַזוי שפּעט ווי ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר תר"ע (1909־1910). מעגלעך, אַז עס זיינען געווען אויך שפּע־טערע אויפלאַגעס. פאַרשטייט זיך, די לעצטע אויסגאַבעס זיינען שוין ניט געווען דאָס וואָס עס איז געווען דער אָריגי־נאַל. אין דער „בבא־מעשה", ווי דאָס האָט שפּעטער גע־הייסן, איז געבליבן דער סיפּור־המעשה, און אויך דאָס איז געווען געקירצט און צעדרייט אין טייל ערטער.

שוין די אויסגאַבעס פון 17־טן יאָרהונדערט, — די פּראַ־גער פון 1660 און די אַמסטערדאַמער פון יאָר 1661, — זאָגן עדות, אַז זיי זיינען איבערדרוקן ניט פון דער ערשטער אויס־גאַבע (1541). אין גאַנצן 120 יאָר איז אַריבער זינט מע האָט געדרוקט די ערשטע אויסגאַבע (אין 1541), און די אויסגאַ־בעס זיינען שוין פול מיט גרייזן, וואָס נאַכלאַזיקע פאַרלעגער און דרוקער האָבן גורם געווען. דאָך האָט מען דעם ראָמאַן געהאַלטן אין איין לייענען. און ווען מע האָט שוין מער ניט פאַרשטאַנען אליה בחורס שפּראַך, האָט מען עס גיט איבער־געזעצט אין דעם מער מאָדערנערן יידיש און געלאָזן דערביי די פערזן גאַנץ. דאָס איז געווען אַ צו שווערע אַרבעט, און טאָן האָט עס געדאַרפט אַן אמתער פּאָעט. לאָזן די זעלביקע גראַמען האָט מען שוין ניט געקענט. מע האָט זיי שוין ניט

פאַרשטאַנען אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער. איז מען געפאַלן אויף אַ פאָרטל. מע האָט געדרוקט דעם פּאָעטישן ראָמאַן אין פּראָזע און אַ סוף אַן עק. דאָס איז געשען אַנהייב 19־טן י״ה און אפשר פריער. און אויך דער נאָמען פון דעם ראָמאַן האָט זיך געביטן. ניט „בבא דאַנטונא״ אָדער „בבא־בוך״ הייסט דער ראָמאַן, נאָר שוין „בבא־מעשה.״ און פון דאַנען נעמט זיך עס, וואָס יעדע מעשה מיט אַ שטיקל פאַנ־טאַסטישן אינהאַלט האָט מען גערופן „בבא־מעשה.״ די ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע מעשה, וואָס אַ באָבע דער־ציילט.

דער סיפּור־המעשה אַליין איז, ווי אַלעמאָל, ניט דער סאַמע תוך פון אַ קונסטווערק, הגם ער איז צומאָל אַ גאָר וויכ־טיקער באַשטאַנדטייל. דאָך זעט מען דעם קינסטלערס מייס־טערשאַפט אין דעם אופן ווי אַזוי ער ברענגט אַרויס די פאַר־כאַפּנדיקע עפּיזאָדן, די בינדנדיקע סיטואַציעס, די פּסיכאָלאָ־גישע שטריכן, די סצענעס, וואָס פאַרגעדענקען זיך. איז אָפּ־שטעלן זיך בלויז אויף דעם סיפּור־המעשה פון „בבא־בוך״ מיינט פאַרזען זיין קינסטלערישן ווערט. סוף־כל־סוף — דער דאָזיקער ווערט אינטערעסירט דאָך אונדז מער ווי אַלץ אין דעם דאָזיקן מיטלאַלטערלעכן ראָמאַן. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז טאַקע מחמת זיין קינסטלערישן ווערט איז „בבא־בוך״ געווען דער פאַרשפּרייטסטער ראָמאַן צווישן יידישע לייענער.

כדי אָבער דער לייענער זאָל וויסן עטלעכע פּרטים וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, ווילן מיר בלויז אָנווייזן, אַז דער ראָמאַן איז וועגן דעם ריטער בבא, ווי אַזוי זיין מוטער פירט צום אומקום זיין פאָטער; ווי אַזוי זי וויל פּטור ווערן פון איר זון, ווען זי וויל פאַרסמען; ווי אַזוי ער ווערט ניצול; ווערט פאַרקויפט פאַר אַ שקלאַף; טרעפט זיך שפּעטער צונויף מיט דער פּרינצעסין דרוזיאַנע. ער באַלט אַריין אין די הענט פונעם סולטאַן, וואָס וויל פון אים נעמען נקמה פאַרן זון, וועמען בבא האָט דערהרגעט. און דאָ ווערט ער ניצול מיט דער הילף פון סולטאַנס טאָכטער מאַרגאַריטע, וועמען ער דינט שפּעטער אָפּ מיט גוטס. ער ראַטעוועט די

אומגליקלעכע דרוזיאַנע; האָט חתונה מיט איר; ווערט פון איר אָפּגעריסן נאָכדעם ווי זי געבערט צוויי ייִנגלעך, און ער מיינט, אַז זי איז אומגעקומען. דער סוף פון דעם ראָמאַן איז — אַז ביי די סאַמע הכנות פון בבאס חתונה מיט מאַרגאַריטען, האָט ער דערהערט אַ בעטלערין זינגען אַ ליד וועגן בבאן און דרוזיאַנען. דאָס האָט דרוזיאַנע זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בעטלערין. מיט דעם דאָזיקן ליד פּאָרט זי אַרום און זי האָפט צו געפינען איר בבאן. און ווען ער האָט אויפגעכאַפּט די טענער פונעם ליד, האָט ער גלייך באַגריפן, אַז דרוזיאַנע לעבט. און די צוויי ייִנגלעך פירן צונויף די צעשיידטע עלטערן.

עס שטעלט זיך די פראַגע: ווי אַזוי איז עס אַ קונסט־ווערק, אַז דער סיוזשעט איז אַ געבאָרגטער? די צווייטע פאַרגע איז: ווי קומט צו אליה בחורן אַ ריטער־טעמע? און די דריטע פראַגע: וואָס פאַראַ שייכות האָבן מיר מיט אַזאַ ניט־יידישער טעמע?

כדי צו פאַרענטפערן די דאָזיקע דריי פראַגעס, איז וויכטיק זיך אָפּצושטעלן קודם כל אויפן ענין „וואַנדערנדיקע סיוזשעטן".

אַז קינסטלער נעמען סיוזשעטן פון דער געשיכטע — צו דעם זיינען מיר געוואוינט. אונדז איז אויך וואויל באַקאַנט, אַז אַ סך קינסטלער האָבן גענומען פאַרטיקע טעמעס פון אַנדערע ווערק, ווי למשל, שעקספיר זיין „סוחר פון ווענעדיק" פון מאַרלאָוס „דזשו אָוו מאַלטאַ," זיין „צעזאַר" און „אַנטאָני און קלעאָפּאַטראַ" פון פּלוטאַרכן. געטעס „פאַוסט" איז געבויט אויף מאַרלאָוס „דר. פאָסטוס." אַזוי איז עס אויך געווען ביי די פראַנצויזישע קלאַסיציסטן פון 17־טן יאָרהונדערט — ראַסין, קאָרנעי א. אַ.

אין אונדזער איצטיקן פאַל האָבן מיר אין זינען אַזעלכע סיוזשעטן, וואָס וואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד, פון פאָלק צו פאָלק. עס איז געגוג אָנצואווייזן אויף אַזעלכע זאַמלונגען ווי „פּאַנטשאַטאַנטראַ", „קאַלילאַ און דימנאַ", „געסטאַ ראָמאַנאָרום", די מעשות „טויזנט און איין נאַכט", עזאָפּס משלים.

אויך די טעמעס פון די ריטער־ראָמאַנען און העלדן־זאַגאַס האָבן געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד. פאָעטן ביי פאַרשיי־דענע פעלקער האָבן זיי איבערגענומען און איבערגעגעבן נאָך זייער אייגענעם גוסט נאָך. און הגם אַ סך וואַריאַנטן זיינען אַנגעוואַקסן דורך די יאָרן, איז אָבער די גרונט־טעמע געבליבן די זעלביקע ווי זי איז געווען. ווען מע נעמט היינט איבער אַ טעמע פון אַ היינטצייטיקן שרייבער, הייסט עס ביי אונדז פּלאַגיאַט. אַ סך קריטיקער וועלן אָפּילו אַנ־ווייזן, אַז ניט אין דעם עצם איבערנעמען אַ פּאַרטיקע טעמע ליגט דער חסרון, נאָר אין דער אומשעפערישקייט פון דעם איבערנעמער. דאָס וועט אָפט מוזן ווערן שטאַרק ניכר, אויב דער דיכטער האָט לכתחילה צוגעאייגנט אַ טעמע, וואָס קען זיך זיין ניט קיין אָרגאַנישע פאַר דעם גאַנצן מהות פון זיין שאַפן. אין מיטלאַלטער האָט די פּערזאָן פון קינסטלער ניט געשפּילט אַזאַ גוואַלדיקע ראָל. און דער קינסטלער אַליין האָט זיך ניט באַטראַכט פאַר דעם צענטער פון דעם אוניווערז און פאַר דעם „אומגעזעענעם געזעצגעבער" פון דער וועלט. ער האָט זיך ניט באַטראַכט פאַר אַ חוזה, פאַר אַ נביא און ניט פאַר אַ כוהן. אים איז ניט איינגעפאַלן, אַז ער „באַשטימט" דעם גורל פון דער וועלט, די צוקונפטיקע אַנטפּלעקונגען אין דער געשיכטע א.ד.ג. זיינע השגות וועגן זיך אַליין זיינען געווען אַ סך עניוותדיקערע. ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ קינסטלער, ניט מער און ניט ווייניקער. און דעריבער איז אים ניט געגאַנגען אין לעבן אויסצוטראַכטן, אונטער אַלע אומ־שטענדן, אויסערגעוויינטלעכע טעמעס. אַגב, איז די צאָל טעמעס געווען אַ סך אַ באַגרענעצטערע ווי היינט. דעם מיטלאַלטערלעכן פּאָעט איז מער געגאַנגען אין קינסטלערישן אויסדרוק. און אייך קינסטלער האָט זיך אונטערגעשיידט פונעם צווייטן נאָר אין דעם אופן ווי אַזוי ער האָט קינסט־לעריש געשאַפן נייע פאָרמען, ריטמען, סטיליסטישע דינ־קייטן, ליריזם, פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפונג.

אויך האָט דער ריטער בבא דורכגעמאַכט פאַרשיידענע קינסטלערישע גלגולים. נאָך אַ סך אומוואַנדלונגען איז דער

ענגלישער „סער בעוויס אָוו סאוטהעמטאָן" געוואָרן „בואָווא ד'אַנטאָנאַ," און ביי אליה בחורן איז ער דער „ריטער אויס דער קאָרן" (אויסדערוויילטער) בבא. און עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אין אליה בחורס „בבא־בוך" זעען מיר אַ ווערק פון אַ העכערן גראַד איידער די פריערדיקע ווערסיעס פון די בבא־ראָמאַנען. און גורם געווען דערצו האָט טאַקע אליה בחורס קינסטלערישקייט.

זיין פאַרטראַכטונג און זיינע צילן זיינען געווען ריין־קינסטלערישע און זיי האָבן געשטראָמט פון אַ פּסיכאָלאָ־גיש־עסטעטישן קוואַל.

דאָס פירט אונדז צו דער פראַגע: וואָס פאַרא שייכות מיט אַ ריטער־ראָמאַן האָט אַ פרומער ייד, אַ פאָרשער פון דער העברעאישער שפּראַך, אַ גראַמאַטיקער, אַ גוטאַ־ייד, וואָס איז געווען דורכגענומען מיט דער גאַנצער טראַדיציע פון יידישקייט?

דער פשוטער ענטפער איז, אַז אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין לעבן האָט ער מחמת פרנסה זיך אָפּגעגעבן מיט שרייבן און רעציטירן „רומאַנצן". די דאָזיקע דערקלערונג קען זיך טאַקע זיין אַ ריכטיקע, אָבער זי איז ניט קיין ענטפער. וואָרן דאָס ברענגט ניט אַרויס די עסטעטישע סיבות. אויך דערקלערט עס ניט פאַרוואָס האָט דער ריטער־ראָמאַן געהאַט אַזוי אויסגענומען ביים יידישן עולם. און בכלל ווי קען מען מיט דעם דערקלערן אליה בחורס קינסטלערישע דערגרייכונגען אין דעם ראָמאַן? פאַרקערט, מחמת דעם גע־שעפט־מאָמענט, וואָס איז דאָ פאַרוויקלט, האָט גאָר זיין ווערק געקענט ליידן פון טאַנדעטקייט, מעכאַנישקייט.

דער יידישער עולם האָט ליב געהאַט צו הערן פאַר־לייענען און אַליין לייענען „רומאַנצן" וועגן ריטער און העלדן מחמת צוויי טעמים. ערשטנס, האָט דאָס געשטימט מיט דעם גייסט פון דער אַרומיקער קולטור, וואָס פון איר איז מען דעמלט גאָרניט געווען אַזוי ווייט אָפּגעטיילט. דער עולם איז געווען פאַרכאַפּט פון די „רומאַנצן" און די „טורעכטן" (נאַרישע) לידער. צווייטנס, האָט אויף דעם יידישן עולם גע־

ווירקט דער ריין־עסטעטישער ווערט פון ווערק, הגם אויך דער אינהאַלט — וועגן ריטער און העלדן — איז אים גאָרניט געווען אַזוי פרעמד ווי ער איז אונדז איצט פרעמד. דריטנס, איז דער „עסקייפּ"־מאָמענט אין קונסט שטענדיק געווען פונקט אַזוי וויכטיק ווי דער „רעאַליסטישער" מאָמענט. און ניט נאָר איז דער עולם געווען דורכגעדרונגען מיט די ריטער־טעמעס, נאָר אויך זיין סענסיטיווער פאַרשטייער — דער פּאָעט. און ביי אים איז דער קונסט־עלעמענט, דער ריין־עסטעטישער עלעמענט, געווען נאָך שטאַרקער אַנט־וויקלט וויביים פּשוטן עולם.

אליה בחור איז געווען אַ קינד פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע. דאָס דאַרף מען געדענקען, ווען מע וויל אים אָפּ־שאַצן ווי אַ קינסטלער. אַ יידישער תלמיד־חכם, ניט קיין רענעסאַנס־טיפּ, וואָלט ניט צוגעלאָזן צו זיך אַזויפיל קריסט־לעכע תלמידים און פריינט, וואָס זיינען אַליין געווען גע־לערנטע, און אינטעלעקטועל זיינס גלייכן. אַפילו זיין דרך, זיין מעטאָד אין אַנאַליזירן פילאָלאָגישע פּראָבלעמען, איז געווען אַ ראַציאָנאַליסטישער, אַ קריטישער, אַ געוואַגטער. דער אינטעלעקטועלער אמת איז ביי אים געשטאַנען העכער פון טראַדיציע. זיין צוגאַנג צו דער פּראָבלעם פון ניקוד איז דער בעסטער באַווייז. און אויך זייך באַגריף וועגן דער לעבנספרייד, וואָס קונסט גיט, וועגן אַמוזירן דעם עולם און וועגן ריין עסטעטישע פונקציעס — האָט אין זיך גע־האַט אַ שטיק קינסטלערישע רענעסאַנס־פּסיכאָלאָגיע. מער פאַר אַלץ האָבן אים אינטערעסירט בילדער און פּרעציזע ווערטער. ער האָט ליב געהאַט צו באַשרייבן סיטואַציעס, קאַמפן, פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן. ער האָט אַלץ געהאַלטן אין אַ קינסטלערישער דיסציפּלין, אַפילו ווען ער האָט געמוזט פריי לאָזן זיין וואָרט־שטראָם כדי איבערצוגעבן האַסטיקע באַוועגונג. אויך זיין סקעפּטישקייט דערביי, זיין געבן אונדז דעם העלדן־„רומאַנץ" אַנדערש ווי די עקזאַלטירטע פּאָעטן האָבן עס געטאָן, — אַפילו זיין איראָניע און גוטמוטיקער

שמייכל, וואָס לויכט־אויף דורך אַ סך סטראָפּעס און שורות — זיינען סימנים פון אַ רענעסאַנס־טיפּ, דערצו נאָך אַ יידישן רענעסאַנס־קינסטלער.

אונדזער צוגאַנג צו אליה בחורס סטאַנסן־ראָמאַנען דאַרף שטימען מיט זיין קינסטלערישער כוונה און זיין רענעסאַנס־געמיט. אונדז מעג טאַקע ווייניק־וואָס אינטערעסירן די עצם־געשיכטע וועגן אומגליקלעכע און ערלעכע ריטער און זייערע האַרץ־באַשערטע, הגם זי איז באמת שפּאַנענדיק. אָבער אונדז מוז אינטערעסירן איר הויכער קינסטלערישער ווערט. קיין ריין דידאַקטישע כוונות האָט אליה בחור ניט געהאַט ביים שרייבן זיינע ווערק. אָבער מע קען אין זיי זען אַלע נמשלים, וואָס מע זעט אין אַ סך רענעסאַנס־ווערק. דאָס זיינען אוניווערסאַלע באַגריפן, אַז יושר און צדק מוזן סוף־כל־סוף מנצח זיין, אַז דער רשע קריגט זיין פאַרדינטע שטראָף און אַז השם יתברך פירט מיט אונדז און מיט דער גאַנצער וועלט. דאָס, אייגנטלעך, געפינט אַ הייניקער ענגלענדער אָדער אַמעריקאַנער אין סער טאָמאַס מאַלאָריס „מאָרט ד׳אַרטור” אָדער אין ספּענסערס „דהי פערי קווין”. אָבער אים וועט מער אינטערעסירן ניט די שפּאַנענדיקע סיוזשעטיק, נאָר די הויכע קונסט, וואָס מיט איר צייכענען זיך אויס די דאָזיקע ווערק. מיר טאָרן ניט פאַרזען די קינסטלערישקייט פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור בלויז דערפאַר, וואָס די טעמאַטיק פון טייל שפּילמאַנישע ריטער־ראָמאַנען איז ניט קיין יידישע, הגם זי איז זיכער ניט געווען פרעמד דער מענטאַליטעט און דעם געמיט פונעם מיטלאַלטערלעכן יידן. אונדזער איצטיקער צוגאַנג דאַרף זיין ניט נאָר אַ ליטעראַטור־היסטאָרישער אָדער אַ קולטור־היסטאָרישער, נאָר אויך אַ פּסיכאָלאָגיש־עסטעטישער. קיין ענגלענדער וועט זיך איצט ניט אָפּזאָגן פון דער באַלאַדע וועגן דעם גרינעם ריטער בלויז דערפאַר ווייל ער איז איצט ניט קיין אָרגאַנישער טייל פון זיין שטייגער לעבן און זיין מענטאַליטעט. אויך אַ פראַנצויז וועט ניט פאַרוואַרפן דאָס ליד וועגן ראָלאַנען מחמת די זעלביקע

טעמים. ס'איז אמת, די און ענלעכע סיטואַציעס זיינען אַ סך נעענטער די ענגלענדער און די פראַנצויזן, איידער אונדז. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט קיין סיבה פאַרוואָס מיר דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון ווערק, וואָס זיינען געשריבן ניט אויף יידישע טעמעס. אין דעם פאַל אליה בחור דאַרפן מיר בעסער זיך נעענטער באַקענען מיט זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

אליה בחורס קינסטלערישקייט

מע קען זאָגן אָן גוזמא, אַז אליה בחור האָט אויסגע־נוצט כמעט אַלע גראַמען־מעגלעכקייטן, וואָס דער יידיש פון זיין צייט האָט אים געקענט געבן. אָבער נישט נאָר דאָס אַליין. ער האָט געשאַפן ווערק, וואָס האָבן אין זיך אַ לע־בעדיקן אָטעם. פאַנאַנדערוויקלען ווערק אויף אַזאַ קינסטלע־רישן אופן, און, ווי שוין דערמאָנט, אין דער קאָמפּליצירט־סטער פאָרם פון יענער צייט, אין אָטאַווא־רימאַ — 650 סטראָ־פעס (אין „בבא־בוך") און 800 (אין „פּאַריז און וויענע") — איז אַ סימן פון אַ הויכן גראַד קינסטלערישקייט. דער ווירר־טואָז האָט געשפּילט און אָרקעסטרירט זיין ווערק מיט זיין גאַנצער שפּרודלדיקייט, און דאָך דיסציפּלינירט.

ווען מע קוקט זיך נאָענט צו צו אליה בחורס אָטאַוואַ־רימאַ, באַמערקט מען אַ שינוי לגבי די אָנגענומענע טענ־דענצן אין דער דאָזיקער פאָרם. פּרוּוון דאָס צו דערקלערן קען אויסזען צו טעכניש און ריין פאָרמאַליסטיש. אָבער דער אמת איז, אַז דער דאָזיקער שינוי, צוזאַמען מיט אליה בחורס אַנדערע פּערז־אייגנשאַפטן, זאָגן אונדז עפּעס וועגן זיין קינסטלערישער סענסיביליטעט. זיי דערקלערן אונדז עפּעס וועגן זיין פּאָעטישן געמיט.

ווי ס'איז אונדז פון פריער שוין באַקאַנט, באַשטייט די אָטאַוואַ־רימאַ פון אַכט שורות. דער גראַם־שליסל האָט אַ באַ־שטימטן סדר: די ערשטע, דריטע און פינפטע שורה האָבן איין גראַם; די צווייטע, פערטע און זעקסטע שורה האָבן אַן אַנ־דער גראַם; די זיבעטע און אַכטע שורה האָבן ווידער אַן אַנדער גראַם. אָבער דאָס איז ניט אַלץ. דאָ איז פאַראַן נאָך

אַ גרעסערע דיסציפּלין. אויב די שורות 1־3־5 האָבן אַ מענ־לעכן גראַם, מוזן די שורות 7־8 אויך האָבן אַ מענלעכן גראַם. אויב די שורות 1 — 3 — 5 האָבן אַ ווייבלעכן גראַם, מוזן די לעצטע צוויי שורות אויך האָבן אַ ווייבלעכן גראַם. די פּרימיטיווע איטאַליעניש אָטאַוואַ רימאַ האָט על פּי רוב געהאַט בלויז ווייבלעכע גראַמען. אליה בחור האָט זיך ניט גערעכנט מיט קיין שום אָנגענומענעם מוסטער. ער האָט מורד געווען בפּאָרם. די, וואָס קענען אינטים אליה בחורס פּאָעטישן געמיט און זיין חוש פאַר אינהאַלט־פאָרם, ווייסן, אַז דאָס איז ניט קיין צופאַל ביי אונדזער דיכטער, און אויך ניט קיין קאַפּריז. דאָס איז אָדער אַ באַוואוסטזיניקער דרך ביי אים, אָדער, ער האָט בחוש געפילט וואָס עס איז יאָ און וואָס עס איז ניט איינס מיט זיין אייגענער שטימונג ביים שרייבן זיינע ווערק. ער האָט ניט געענדיקט יעדער סטראָפע מיטן מענלעכן גראַם, מיט דעם גראַם, וואָס איז דער אויס־דרוק פון שטאַרקן אַקצענט, פון אַן אָפּגעהאַקטער פאָרטע, וואָס פּאַסט זיך פאַר אַן עקזאַלטירטער שטימונג, פאַר אַ דערהויבענעם פייערלעכן (בראַוואַדאָ)־טאָן, פאַרן לעצטן הויכ־פונקט פון הילכיקער ריטערלעכער רעטאָריק אָדער — פאַרן אויסדרוק פון באַוועגונג אָדער האַסטיקייט. ער האָט אויך ניט געענדיקט אַ סטראָפע אַלעמאָל מיט אַ ווייבלעכן גראַם. זייער אָפט הייבט ער אָן אַן אָטאַוואַ רימאַ מיט אַ מענלעכן גראַם און ענדיקט גאָר מיט ווייבלעכע גראַמען, און פאַר־קערט. ער באַוועגט זיך פריי. אָבער אין דעם דאַזיקן באַוועגן זיך פריי איז פאַראַן אַן אינעווייניקער שכל. עס וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז ווען ער דערציילט, ווען ער גיט איבער פראָסט־פּשוט שטיקער אינהאַלט, אָדער ווען ער באַשרייבט זאַכן און געשעענישן, — שפּילט ביי אים אַ ראָלע דער ווייב־לעכער גראַם. ווי נאָר ער קומט צו יענע טיילן, וואו ער וויל איבערגעבן באַוועגונג, האַסטיקייט אָדער שטאַרקע באַ־טאָנונג, דאָמינירט ביי אים דער מענלעכער גראַם. באַזונ־דערס איז עס אין אַזאַ פאַל שטאַרק ניכר אין די ווייטערדיקע טיילן פון ראָמאַן. הייסן הייסט עס, אַז אויף דער גראַם־כלי

האָט ער געשפּילט אָדער באַוואוסטזיניק אָדער דער פּיי־נער פּאָעטישער חוש האָט אים אונטערגעזאָגט וואָס־ווען־און־וואו.

אַ צווייטער סימן פון זיין מייסטערשאַפט און פּאָעטישער פּילעוודיקייט איז דער ענין אַנזשאַמבעמאַן. עס איז גאָר ניט גרינג צו פאַרענדיקן אַ געדאַנק אָדער אַן איינס — אין זין פון אינהאַלט — אין די ראַמען פון אַן איינציקער שורה. — אַ סך דיכטער באַנוצן זיך מיטן אַנזשאַמבעמאַן. זיי פאַרענדיקן אַ געדאַנק אָדער אַ גאַנצן אינהאַלט־טייל ניט אין איין שורה, נאָר זיי טראָגן עס אַריבער, ממש פּראָזאַאיש, אין דער צווייטער שורה. באַזונדערס באַנוצן זיי זיך מיט אָט־אָ־דעם מיטל ווען עס קומט זיי אויס צו שרייבן לאַנגע דערציילערישע אָדער באַשרייבערישע פּאָעמעס. אויך אליה בחורס ראָמאַן איז דערציילעריש און באַשרייבעריש. און דערצו נאָך ציט זיך דער ראָמאַן אויף ניט ווייניקער ווי 5262 שורות. איז ווען מע קוקט זיך צו צו די עטלעכע אַנזשאַמבעמאַנס, וואָס ער נוצט, באַגרייפט מען זיין פּאָעטישע פּילעוודיקייט: דער אַנזשאַמבעמאַן נעמט אַוועק פונעם ליד זיין זינגעוודיקייט. ער דערנעענטערט דאָס ליד צום פּשוטן ריידן. און דערמיט ווערט געמינערט דער פּאָעטישער גלי פון ליד.

דער שרייבער פון די שורות האָט זיך אין בבא־בוך אָנ־געשטויסן אויף אַן ערך אַנדערהאַלבן צענדליק פאַלן פון אַנזשאַמבעמאַן. וויפל מער זיי זאָלן ניט זיין, איז עס אַלץ גאָר אַ קליינע צאָל, ממש אַן אומבאַדייטנדיקע צאָל, לגבי די 5262 שורות, וואָס געפינען זיך אינעם ראָמאַן. דערביי איז אינ־טערעסאַנט צו באַמערקן ביי וואָס פאַרא פאַלן באַנוצט זיך אליה בחור מיט דעם דאָזיקן סטיליסטישן מיטל. אין די אַנדערהאַלבן צענדליק פאַלן מערקן זיך עטלעכע פּשוטע אַנזשאַמבעמאַנס, ווי, למשל, אין דער 112־טער סטראָפע:

ער וארכטט עש היטן גיזעהן
די לוייט די דר נעבן ווארן גיזעשן

(ער פאַרכטעט העטן גיזען די לויט די דערנעבן וואַרן גיזעסן. דאָס

מיינט: ער האָט מורא געהאַט, ס'האָבן עס געזען די לייט, וואָס זיינען דערביי געזעסן)

אָדער — אַ צווייטער אַנזשאַמבעמאַן (סטראָפע 544):

דש ביך דש זי הטן גיברוכט דר בון
דער פלאַץ אונ' אלי גאשן בול לאגן

(דאָס פיך דאָס זי האטן גיבראַכט דערפון, דער פלאַץ און אַלי גאַסן פול לאַגן. דאָס מיינט: די פי וואָס זיי האָבן געבראַכט, דערפון זיינען דער פלאַץ און אַלע גאַסן געווען פול פאַרלייגט)

ווי געזאָגט, דער מין אַנזשאַמבעמאַן איז ביי אליה בחורן אַ זעלטנקייט. אויב אָבער ער באַנוצט זיך שוין מיט דעם דאָזיקן מיטל, איז עס כמעט אַלעמאָל ווען ער דאַרף איבער־געבן רייד, די רייד פון די העלדן. ער האָט ממש געפילט, אַז דער אַנזשאַמבעמאַן מינערט די זינגעוודיקייט פון ליד, אַראָפּ ביז צו פּראָזאַאישע רעפּליקעס. האָט ער זיי טאַקע געניצט אין רעפּליקעס. און דאָ איז שוין דער פּראָזאַאישער טאָן נישט אַזוי שאַרף פּראָזאַאיש. אין רעפּליקעס ווערט ער שוין נאַטירלעך, ווי עס זיינען בכלל נאַטירלעך רעפּלי־קעס אין דערציילעריש־פּאָעטישע ווערק.

לאָמיר זיך טאַקע צוקוקן צו עטלעכע ענלעכע מוסטערן: אין דער סטראָפע 305:

מיינשטו איך וויש ניט דש דו מיך דורט
אויף דער היידן מכשט שלופן

(מיינסטו איך ווייס ניט דאָס דו מיך דאָרט אויפן פעלד געמאַכט אנטשלאָפן)

אָדער אין דער סטראָפע 306:

דער בעטלר שפרך איך וויל אוייך אל דינג
ביקענן איר דעגן ורום אונ' ווערדן

(דער בעטלער שפּראַך (מאַכט דער בעטלער): איך וויל אייך (מיט) אַלצדינג באַקענען, איר דעגן (ריטער) פרום (בראַווער, חשובער) און ווירדיקער.)

דאָס האָבן מיר גענומען פון דעם שמועס צווישן בבאן

און דעם בעטלער, ווען בבא האָט אים געכאַפּט און דערקענט, אַז דאָס איז דער אייגענער בעטלער, וואָס האָט אים, בבאָן, איינגעשלעפערט, באַגנבעט און צוגעלקחנט פון אים די כישוף־שווערד פּומעלע, דעם גאָלדענעם רינג און דאָס כישוף־פערד רונדעלע.

ווי מיר זעען איז דאָ שוין דער אַנזשאַמבעמאַן מער־אָדער־ווייניקער אַ נאַטירלעכער. ער צעשטערט ניט די לירישע דער־ציילערישקייט פונעם ווערק. ווי געזאָגט פריער, דער קינסט־לערישער חוש האָט עס אונטערגעזאָגט אליה בחורן, אַז אויב שוין יאָ זיך באַנוצן מיט אַנזשאַמבעמאַן, מעג מען עס טאָן בלויז אין רעפּליקעס, וואָס גיבן סיי ווי איבער דעם נאַטירלעכן ריטם פון רייד. אַ חוץ די נאָרוואָס־געבראַכטע ביישפּילן גע־פינען זיך רעפּליקע־אַנזשאַמבעמאַנס אין די סטראָפעס: 322, 334, 396, 397, 414, 429, 485, 512, 637. פּשוטע אַנזשאַמבעמאַנס (ניט אין רעפּליקעס) קען מען געפינען אין די סטראָפעס: 447, 544 און 613.

דער גראַם

ווען מע לייענט דאָס „בבא־בוך" וואונדערט מען זיך ווי אַזוי די גראַמען פליסן ביי אליה בחורן אומגעשטערט, אָן שום אָנשטרענגונג, אָן שום געקינצלטקייט. דאָס נעמט זיך ערשטנס דערפון, וואָס דער לייענער ווערט ממש פאַרכאַפּט פון דעם סיפור־המעשה. ער גיט זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון וועגן די עלעמענטן, וואָס שאַפן קינסטלערישע אָר־דענונג און צום טייל די אָרקעסטרירונג. עס איז אויך זיכער, אַז דער לייענער באַמערקט ניט דעם גראַם, ווייל דער גראַם איז איינס מיטן פּאָעטס געמיט. דער גראַם איז אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט דער עמאָציאָנעלער ענערגיע, וואָס דאָ ווערט זי קאָנצענטרירט און שאַרף, און דאָ ווערט זי ווייך, דערציילעריש, ליריש פאַרלאַנגזאַמט. ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן — האָט אליה בחור איגנאָ־רירט אַלע געבונדענע און געצוואונגענע דקדוקי עניות, און זיך געלאָזט אין גאַנצן דיקטירן פון זיין פּאָעטישן חוש, הגם ער איז ניט אַרויס פון דער מעטריק־דיסציפּלין.

ווען אים האָט זיך עטלעכע מאָל געמאַכט צו נוצן אַ סינטעטישן גראַם, האָט ער עס גאַנץ פיין געטאָן. ער איז, ווייזט אויס, געווען אַ גוואַלדיקער מאָדערניסט אין זיין צייט. אָט נוצט ער אין דער אַכטער סטראָפע אַזאַ גראַם: „פּאטער" און „באט ער." עס לייענט זיך אַזוי די שטעל, וואו דער פּאָעט דערציילט וועגן דעם ווי אַזוי דער קעניג גווידאָן פרייט זיך מיט זיין געבאָרענעם זון בבאָן און ווי ער

גיט אים איבער דעם גראַף סיניבאַלדן, יענער זאָל אים אויפהאָדעווען:

ווש גרושי ורייד טרייב נון זיין באטיר,
דז מוכט איר נון וואל גלאבן.
נון הט ער איין בורג גרובן דען באט ער,
דש ער אים זולט היבן דען קנאבן,
אונ' זולט זיין זיין רעכטער גיבאטר.
דער גרוב טעט ווש ער וואלט הבן,
דער זעלביג גרוב היש סיניבלד,
זיין שלוש היש שנשימון אין איינם וואַלד.

(וואָס פאַראַ גרויס פרייד טרייבט נון זיין פאָטער, דאָס מעגט איר נון וואויל גלויבן. נון האָט ער אַ בורגגראַף, ווענען ער האָט באַפוילן, אַז ער זאָל אים דערציִען דאָס יינגל און זאָל זיין זיין ריכטיקער געפאטער (קוואַטער). דער גראַף טוט, וואָס ער (גווידאן) וויל האָבן. דער זעל־ביקער גראַף הייסט סיניבאַלד. זיין שלאָס הייסט סאַניסמאַן, אין אַ וואַלד.)

סוף 69־ער סטראָפע גראַמט ער: „ביטער" („פעטער") און „העט ער":

ער היש גרוב אוגלין דש קוניגש ביטר,
אונ' דש דוזיג אלז גיזעהן העט ער.

(ער האָט געהייסן גראַף אוגלין, דעם קעניגס פעטער, און דאָס דאָזיקע אַלץ האָט ער צוגעזען)

אין דער סטראָפע 437 גראַמט ער: „שיד ער" מיט „ווידער" און „גלידער":

בבא שפרך דאַנק הב דאנק הב,
אונ' אלזו בלד בון אים דא שיד ער,
אונ' ליף הינויף אז איין און ור צאגטר קנאב,
אונ' וואלט אן היבן צו מורדן ווידר,
דא וואָרן זי אל גישפרונגן די מויאר אב,
מענכי האטן צו ברוכן אירי גלידר א. אַ. וו.

(זאָגט בבא: דאַנק דיר, דאנק דיר, — און גלייך פון אים נעמט ער אָפשייד, און לויפט אַריין ווי אַן אומפאַרצאָגטער יונג, און ער האָט גע־

וואָלט אָנהייבן צו מאָרדן ווידער, זיינען זיי אַלע געשפּרונגען פון מויער אַראָפּ, א סך האָבן זיך צעבראָכן די גלידער א. אַ. וו.)

אַזוי איז אויך אין דער סטראָפע 491, וואו ער גראַמט „דערפון" מיט „פּאַטרון" און „זאך נון":

זי שטישן בון לאנד אונ' בורן דער בון,
זי קאמן צו דער גליאה אונ' היניין זי שטאייגן,
זי בורטן די קוכין צו דעם באטרון,
די שון מייד וואלטן זיא צייגן.
ער שפרך אז בלד אז ער זי זאך נון,
אודר גוט מוש מיך ועלן אונ' ואייגן,
דש אישט דרוזייאנה די מיר אום ציהן זוכן,
דש זיך איר ואטיר הוט טון איר אנטרוכן.

(זיי שטויסן אָפּ פון לאַנד און פאָרן דערפון, זיי קומען צו דער גאַלייע (גאלערע) און אַריין טוען זיי שטייגן, זיי פירן די קעכין (דאָס מיינט די פּרינצעסין דרוזיאנע, בבאס פרוי) צו דעם פּאַטראָן (דעם באַלעבאָס, דעם אויפזעער), די שיינע מויד ווילן זיי אים צייגן. ער זאָגט וויבאַלד ער האָט אָנגעזען (געזעען אָן): אָדער גאָט זאָל מיך אויף טויט דערשלאָגן, אויב דאָס איז ניט דרוזיאַנע, וואָס מיר ציען אום זי זוכן, ווייל איר פאָטער האָט זיך פון איר מייאש געווען.)

מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף נאָזאַלע גראַמען ביי אליה בחורן (ווי: „היטן" — „מרגריטה" אין סטראָפע 275) אָדער אויף אַ טאָפּל־גראַם („לוייט אויז" און „ברויט הויז" — סטראָפע 80), אָדער גאָר אַזאַ גראַם ווי אין סטראָפע 320 — „טנצנן" און „שוואַנצן":

בבא גינג הינויש אין זאל
און זאך אן גוטי וייל צו טנצנן,
נוך דרוזייאנה זך ער זיך אום אובר אל
דא זאך ער זיא איין הער שוואנצן א. אַ. וו.

(בבא איז אַרויס אין זאַל, און האָט אָנגעקוקט אַ גוטע ווייל די טאַנצנדיקע, נאָך דרוזיאנען האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבעראַל, האָט ער זי דערזען אַריינשלייכן.)

עס איז אָבער כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף יענע סטראָ־פעס, וואו ער שפּילט מיט אינעווייניקסטע גראַמען, וואו ער לאָזט זיך וואוילגיין ניט נאָר מיטן ריטם פון גראַם, נאָר אויך מיט אַליטעראַציעס. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף צוויי סטראָפעס וואו ער שפּילט מיט שינען אָדער מיט שינען און סאַמעכן. סטראָפּע 108 ווערט אַזוי פאַנאַנדערגעשפּילט:

דש זול זיין ביגונד בבא צו זגן,
מן זיצט זיך נון צו דין טישן,
קושטליך ביגונד מן אויף צו טרגן,
גיזוטן אונ׳ גיברוטן הונר אונ׳ וישן,
דרוזייאנה ליש בון בבא ניט איר אויגן,
דען גנצן טיש אַש זי קיין בישן,
איר לושט קם איר אי לענגר אי וישטר,
זי העט גערן גיהט איין אנדרי מונעשטר.

(„דאָס זאָל זיין,” האָט אָנגעהויבן בבא צו זאָגן. מע זעצט זיך נון צו די טישן. קאָסטלעך הייבט מען אָן אויף־צו־טראָגן, געזאָטענע און געבראָטענע הינער און פיש. דרוזיאַנע האָט ניט אַראָפּגעלאָזן די אויגן פון בבאָן. דורך דער גאַנצער סעודה (דעם גאַנצן טיש) האָט זי ניט געגעסן קיין ביסן, איר לוסט איז איר געקומען וואָס ווייטער אַלץ פעסטער. זי וואָלט גערן געהאַט אַן אַנדער געריכט)

ווען צווישן די אַכט גראַמען כאַפּן זיך נאָך אַריין „געזאָטן” און „געבראָטן” — אַן אינעווייניקסטער גראַם, און דערצו קומט אונטער דאָס שפּיל פון די שינען און סאַמעכן (טישן־פישן־בישן־דאָס־קאָסטלעך ־ ליש־טיש־אש־לוסט־פעסטער־מו־נעסטער) — הייבט די סטראָפּע ממש אָן צו בלענדן און צו ציטערן מיט וואוילקלאַנג.

אינטערעסאַנט איז אויך, ווען ער גראַמט אינעווייניק, ניט אין דער זעלביקער שורה, נאָר אין מיטן פון צוויי שורות, ווי ער טוט עס אין סטראָפּע 166:

אונ׳ גאב אים איין שווערט דש היש פומעלע
אונ׳ שענקט אים איין פפערד דש היש רונדעלה

(און זי האָט אים געגעבן אַ שווערד, וואָס האָט געהייסן פּומעלע, און שענקט אים אַ פערד וואָס האָט געהייסן רונדעלע)

דאָ האָבן מיר דעם אינעווייניקסטן גראַם אין צווײ שורות: „שווערד" און „פערד". אין דער סטראָפע 370 שפּילט ער צו עקסטרע גראַמען צום מענלעכן גראַם: צאַם־נאַם־קאַם. ער לאָזט דאָרטן אין גאַנג אַ צוגאָב־גראַם ביים אָנהייב דער ערש־טער שורה: „נאַם"־„צאַם," און אַ חוץ דעם דאָס וואָרט „שאָס" אַ זעקס מאָל.

דאָס שאַפט באַלעבטקייט, באַוועגונג, וואָרט־און־קלאַנג־בלענדיקייט. אַגב, ווערט אין דער סטראָפע לעבעדיק און ממש רעאַליסטיש באַשריבן די טעמפּאַ און דער קאַמף גופא צווישן בבאָן און פּעלוקאַנען, דעם האַלב־מענטש און האַלב־חיה:

בבא, נאם רונדעלה בייא דעם צאַם,
אונ' אויז דעם שוש ווש ער אים ווייכן,
פּעלוקן ולוקש איין אַנדרן פּפייל נאַם,
אונ' שוש אבר איין שוש איין און גלייכן.
בבא ולוקש גיגן אים צו רענן קאַם,
אויבר זיין קופף וואש ער אין שטרייכן,
פּעלוקן שוש אויף אין גר און ור דרושן,
ביז ער זיין פּפייל הט אל ור שושן

(בבא ציט (נעמט) רונדעלען (דאָס כישוף־פערד) ביי דער צאַם, און פון דעם שאס טוט ער אויסווייכן, פּעלוקאן האָט שנעל געכאַפּט אַן אַנדער פייל און שיסט, אַ שאָס גאָר אַן אומגלייכן. בבא איז שנעל קעגן אים געקומען צו לויפן, איבערן קאָפּ האָט ער אים געטאָן שטרייכן. פּע־לוקאן שיסט אויף אים גאָר אומזיסט, ביז ער האָט די פיילן אַלע אויסגעשאָסן.)

הגם דער גראַם אַליין האָט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע אין דער פּאָעזיע אָנהייב 16־טן יאָרהונדערט, האָט אָבער אליה בחור זיך אויסגעצייכנט ניט אַזוי מיט דער גראַם־דיסציפּלין גופא ווי מיט זיין גראַם־חוש.

דער גראַם האָט אים געדינט ניט נאָר ווי אַ מעטרישע דיסציפּלין, ווי אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר אָרקעסטרירונג, נאָר אויך, און דער עיקר, ווי אַ מיטל, וואָס האָט אים געהאָלפן

אָנגליען די שורה, ווען ער האָט עס באַדאַרפט, שאַפן קרעפטי־קע און האַסטיקע טעמפּאָס. אין אַנדערע פאַלן האָט עס אים גע־האָלפן פאַרווייכן דעם גאַנג פון די שורות, מיט דער הילף פון ווייבלעכן גראַם. אָדער גאָר פאַרלאַנגזאַמען די שורה, און אַזוינאָך שאַפן דעם איינדרוק פון דערציילערישקייט און ליריזם. זיין זיכערע האַנט האָט געשפּילט ווי זיין געמיט האָט אים אונטערגעזאָגט. און ער האָט שטענדיק ריכטיק געפּילט ווי אַזוי ער דאַרף שפּילן אין דער געגעבענער רגע.

קינסטלערישער צמצום

אליה בחור איז באמת געווען אַ מייסטער איבער זיין אינסטרומענטירונג — איבער דעם גראַם. ער האָט אים אינטואיטיוו געפּילט. ער איז אויך געווען אַ מייסטער איבער דער שורה. ווי אונדז איז שוין אויסגעקומען אָנצואווייזן, איז כמעט זיין יעדער שורה אַ פֿאַרענדיקטער איינס. און דאָס איז אַזוי אויף דער לענג פֿון העכער צוויי און פֿופֿציק הונדערט שורות. איז ניט קיין וואונדער, וואָס דאָרטן וואו ער טרעט אָפּ פֿון בלויז דערציילן און באַשרייבן, קומט ביי אים אַרויס די שורה שטאַרק און געהאַמערט. ווי אַ משל קענען מיר נעמען די 35־סטע סטראָפֿע. די פֿאַררעטערישע בראַנדאָניע, בבאָס מוטער, האָט פֿיינט בבאן און זי וויל אים אומברענגען ווי זי האָט אומגעבראַכט איר פֿאַרהאַסטן אַלטן מאַן, דעם קעניג גווידאָנען. אין דער דערמאָנטער סטראָפֿע ווערט איבערגעגעבן ווי זי ווענדט זיך צו גווידאָנס געטרייע ריטער. זי וויל, זיי זאָלן נאָכגעבן און מאַכן שלום מיט איר געליבטן, דעם נייעם יונגן קעניג דאָדאָנען, וואָס האָט דערהרגעט גווידאָנען. אַגב, איר רעדע צו זיי דערמאָנט אונדז אין אַנטאָניס רעדע אויף צעזאַרס טויט, ביי שעקספּירן:

אונ׳ הוט אוייך דער אלט הערצוג גווידון,
אוייער טג גרושי טרוייא ביוויזן,
דא זעכט אן מיין ליבן מן דודון,
דען יונגן שטרקן שטולצן ריזן.
איר זולט אל בון אים גישענקט הון:

ווײַן גערטן אונ׳ ועלד אונ׳ וויזן,
אונ׳ אוייער קיינר זול בידורפן צולן הוייער
נוך צול נוך צינז נוך שטוייער.

(און האָט אייך דער אַלטער הערצאָג גווידאָן, אין אייערע טעג גרויס געטריישאַפט באַוויזן, איז קוקט אָן מיין ליבן מאַן דאדאָן, דעם יונגן שטאַרקן שטאָלצן ריזן, איר וועט אַלע פון אים געשאָנקן האָבן: ווײַנ־גערטנער און פעלד און וויזן, און קיינער פון אייך זאָל באַדאַרפן צאָלן האיער, ניט צאָל, ניט צינז, ניט שטייער)

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ גרויסער טייל פונעם ראָמאַן גייט אַוועק אויף דערציילערישקייט אָדער באַשריי־בונגען, זיינען אָבער די סטראָפעס און די שורות פול מיט דיסציפלינירטן צמצום. גאַנצע סיטואַציעס, גאַנצע געשעע־נישן גיט ער איבער אין עטלעכע שורות אָדער אין איין סטראָפע. ווען דרוזיאַנע ווערט געצוואונגען חתונה צו האָבן מיטן פאַרהאַסטן ריטער מאַקאַבראָנען, נאָכדעם ווי בבא איז פאַרפאַלן געגאַנגען, און אַלע גלויבן, אַז ער איז געשטאָרבן, בעט זי זיך אָפּ, מע זאָל נאָך וואַרטן אַ יאָר צייט. און אין איין סטראָפע גיט אליה בחור איבער דאָס געשעענע (סטראָפע 295):

מקאברון דער לעבט דש גנץ יאָר אים זויז,
אָבר דרוזייאנה זאך מן ווינציק לאכן.
אונ׳ דא דש יאר נון גנץ וואַר אויז,
זאָ וואָלט ער זיין הוכצייט מאַכן.
ער בורט דרוזייאנה האיים אין זיין הויז,
אונ׳ ליש הופש צו בירייטן מיט אַלן זאַכן,
אונ׳ גאָר ויל לוייט ווארן מיט אים היים קומן,
גר ווייט וואור בון דער הוכצייט בור נומן

(מאַקאַבראָן, ער לעבט אַ גאַנץ יאָר אין ווילדן טשאַד, אָבער דרוזיאַנען האָט מען געזען ווינציק לאַכן, און ווען דאָס יאָר איז געווען אינגאַנצן אויס, האָט ער געוואָלט די חתונה מאַכן. ער פירט דרוזיאַנען אַהיים אין זיין הויז, און לאָזט היפש צוגרייטן מיט אַלע זאַכן, און גאָר פיל לייט זיינען מיט אים אַהיים געקומען, גאָר ווייט האָט מען וועגן דער חתונה פאַרנומען)

אין די ערשטע צוויי שורות פון דער דאַזיקער ציטירטער סטראָפּע ווערט זייער אַ סך געזאָגט. דער צמצום איז דאָ אומגעהויער. מיט צוויי שטריכן פאַרשטייען מיר גאָר אַ סך, אי ווי עס לעבט מאַקאַבראַן און אי וואָס עס לעבט דורך די אומגליקלעכע דרוזיאַנע: „מאַקאַבראַן, דער לעבט דאָס אַ גאַנץ יאָר אין זויז, און דרוזיאַנען זאָך מאַן (האָט מען געזען) ווינציק לאַכן".

די זעלביקע פּרעציזקייט זעט מען אויך, למשל, אין דער סטראָפּע 590, וואו עס קומט פאָר אַ שמועס צווישן בבאן און סיניבאַלדן, זיין אַמאָליקן דערציער און איצט — זיין רעכטע האַנט, נאָכדעם ווי בבא האט זיך נוקם געווען אין זיין מוטער און אין איר געליבטן דאָדאָנען. דער שמועס איז מכוח העלפן דעם פאַרשטאָרבענעם סולטאנס טאָכטער מאַרגאַריטען, וואָס האָט אַמאָל געראַטעוועט בבאן. איצט בעט זי ביי בבאן הילף קעגן דעם האַר פּאַסאַמאָנט, וואָס טוט איר אָן גרויסע צרות, ווייל ער וויל זי צווינגען מיט אים חתונה האָבן. אָט דער שמועס מכוח מאַרגאַריטעס בריוו ווערט איבערגעגעבן אויף אַ זייער צמצומדיקן אופן. ער קען אונדז דינען ווי אַ מוסטער פון אליה בחורס מייסטערשאַפט אין פּרעציזקייט.

אז בלד אז בבא דען בריף אן זאך,
דא ביגונד ער זער צו דר שרעקן.
ער גאב אין סיניבלד אונ׳ צו אים שפרך,
די דוזיג וויל איך ניט לושן שטעקן,
זי הוט מיר גיהולפן אויז מיין נוטן אויך,
איך וועך זונשט גישטורבן אויף דעם ולעקן.
סיניבלד שפרך איז זי דיר גיוועזן אזו טויגליך,
דש דו איר זולשט העלפן דש איז וואל מויגליך

(ווי נאָר בבא האָט דעם בריוו דורכגעקוקט, האָט ער אָנגעהויבן זיך זייער צו שרעקן. ער גיט עס סיניבאַלדן און זאָגט צו אים: „די דאָזיקע וויל איך ניט לאָזן (אין אַ צרה) שטעקן. זי האָט מיר געהאָלפן אין מיינע נויטן, אַניט וואָלט איך געשטאָרבן גלייך אויפן אָרט." סיני־באַלד זאָגט: „איז זי דיר געווען אַזוי טויגלעך, אַז דו זאָלסט איר העלפן, — דאָס איז וואויל מעגלעך.")

נאָך מער פּערציז, שאַרף געשניטן און לאַקאָניש איז דאָס בילד ווען בבא גרייט זיך חתונה צו האָבן מיט מאַרגאַ־ריטען און טרעפט זיך לסוף מיט זיין דרוזיאַנען, נאָכדעם ווי ער איז יאָרן געווען זיכער, אַז זי איז געשטאָרבן (סטראָפע 634):

בבא שפרך דו ליבר לייב,
קיין זורג דאַרפשטו ניט האבן,
איך בין דיין מאן דו בישט מיין ווייב,
מרגריטה מוש מירש וואל דר לאבן,
דש איך דיך נים אונ׳ זי ור טרייב.
דר נוך נאם ער זיין צווין וייני קנאבן,
אונ׳ הוב זי אן צו האלזן אונ׳ צו קושן.
דש ער וואר איר ואטיר ליש ער זיא וואושן.

(בבא האָט געזאָגט: „דו ליבער לייב," קיין זאָרג דאַרפסטו ניט האָבן, איך בין דיין מאַן, דו ביסט מיין ווייב, מאַרגאַריטע מוז עס מיר וואויל דערלויבן, אַז איך דיך נעם און זי פאַרטרייב. דערנאָך נעמט ער זיינע צוויי פיינע יינגלעך, און הייבט זיי אָן צו האַלדזן און צו קושן. אַז ער איז זייער פאָטער לאָזט ער זיי ויסן.)

נאָך מער זעט זיך אָן אליה בחורס פּרעציזקייט אין איינצלנע שורות, וואָס פאַרגעדענקען זיך און וואָס לאָזן זיך ציטירן. דאָס זיינען שורות פון אַ גרויסן מייסטער. טייל זיינען ממש שעקספּירישע שורות. דערציילנדיק אין דער זעקסטער סטראָפע וועגן דעם ווי דער אַלטער גווידאָן האָט חתונה מיט דער יונגער בראַנדאָניע, שפּעטער, בבאס מו־טער, ווי גוט ער איז צו איר און ווי אַזוי זי פילט זיך אין דעם דאָזיקן „הערליך לעבן", פאַרענדיקט אליה בחור אַ שורה, וואָס אַנטפּלעקט פּלוצים אַלצדינג (סטראָפע 6):

זי הט גוטי טעג אונ׳ בוזי נאכט

(זי האָט גוטע טעג און בייזע (אומגליקלעכע) נעכט)

און אין סטראָפע 49 טרעפן מיר זיך אָן אויף אַזאַ פּרעכ־טיקער פּאָעטישער פאָרמולע:

ווער דא וויל שלופן אויף הויט גאנצר,
דער נים איין מייל בור איין פאנצר

דאָס מיינט: ווער שלאָפֿן ווײל מיט אַ גאַנצער הויט (דער וואָס וויל אַרויס גאַנץ מיט די ביינער) זאָל אַנטלויפֿן אַ מייל, מאַכן ויברח, ווײל דאָס איז זיין איינציקער פּאַנצער איצט, דאָס וועט אים ראַטעווען.

דאָס זאָגט טיריץ, סיניבאַלד זון און בבאָס חבר. ער זאָגט עס זיינע מיטקעמפֿער נאָכדעם ווי ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער פֿאַררעטער ריצאַרד לויפֿט איבערן פֿעלד פֿון איין מחנה צו דער צווייטער מיט פֿאַררעטערישע בשורות, פֿון דאַדאָנס מחנה צו סינבאַלדס מחנה. און ווען טיריץ נעמט נקמה אין אים, הייסט ער גלייך זיינע געזעלן אָפּציען, ווײל ווער עס וויל דאָ ארויס מיט גאַנצער הויט, זאָל זיך נעמען אַ מייל פֿאַר אַ פּאַנצער.

ניט זעלטן זעט מען ווי אליה בחור טוט אַ בליק מיט אַ מעטאָנימיע, וואָס אַנטפּלעקט אַ גרויס בילד. דער הערצאָג דאַדאָן, דער געליבטער פֿון בבאָס מוטער, נייטיקט זיך אין הילף, כדי בייצוקומען די שלאָס־פֿעסטונג סאַנסימאַן. דאָרטן האָבן זיך פֿאַרפֿעסטיקט סיניבאַלד מיט דעם דערהרגעטן גווידאָנס געטרייע ריטער. שיקט דאַדאָן נאָך זיין ברודער, דעם „שטאַרקן אַלבאַריגן.“ און אין איין שורה זעען מיר אַלבאָריגנס אַנקומענדיקע חיילות (סטראָפֿע 55):

דא שיקט ער נוך וואל ביז אין פראנצה (אַרויסגערעדט כמעט ווי: פראנצן)
דער קם צו רייטן מיט טויזנט לאנצן

(איז שיקט ער נאָך אים ביז אין פראנצא (פראַנצן), ער קומט צו רייטן מיט טויזנט לאַנצן (שפּיזן)

בילדער

בילדער קריצן זיך איין אין אונדזער פאָרשטעלונג און בלייבן לאַנג אין אונדזער זיכרון. זיי ווערן אין אונדזער פסיכיק אויך פאַרוואַנדלט אין סימבאָלן, רמזים, און לעבן אין אונדזער אונטערבאַוואוסטזיין זייער אייגן לעבן.

איבערצוגעבן אליה בחורס פּילפּאַכע בילדערישקייט וואָלט געפירט צו אַ פּעדאַנטישן אַנאַליז, ווי וויכטיק דאָס זאָל ניט זיין פאַר זיך אַליין. עס וועט זיין גענוג זיך אָפּצור־שטעלן אויף עטלעכע מוסטערן.

אין זיינע ריין־מאָלערישע בילדער באַנוצט ער זיך מיט איין אָדער צוויי שורות. ער קען באַשרייבן אַ מענטשן מיט עטלעכע שטריכן. טייל פון זיי פאַרגעדענקען זיך מיט זייער אָריגינעלקייט און טייל מיט זייער טיפקייט. אַן אָריגינעלן מאָלערישן שטריך, למשל, זעען מיר אין דעם ווי ער באַ־שרייבט בבאס האָר, נאָכדעם ווי דער געראַטעוועטער בבא האָט שוין פאַרבראַכט צוויי יאָר ווי אַ פערד־יונג ביים קעניג פון אַרמאָניע, דרוזיאַנעס פאָטער (סטראָפע 98) :

> ער וואר ווישט אונ׳ שון גלייך אויף גיבלוזן,
> אונ׳ זיין הור ווש גלייך אז גולד גישלאגן

(ער איז געווען דיק און שיין ווי אויפגעבלאָזן, און זיינע האָר זיינען געווען ווי פון גאָלד געשלאָגן.)

אָדער ווי ער באַשרייבט דרוזיאנעס אויגן (סטראָפע 99) :

> זי הט צוואיי אויגן אז צוואו שייבן
> אין אירם קופפא אז איין קרבונקיל בראנן

(זי האָט געהאַט צוויי אויגן ווי צוויי שייבן, האָבן אין איר קאָפּ ווי גאָרפינקל געברענט)

אָדער ווי ער באַשרייבט אין צוויי שורות (סטראָפע 368) דרוזיאַנעס פאַרב און מויל, ווען זי דערשרעקט זיך פאַרן אָנקומענדיקן פעלוקאַנען, דעם האַלב־מענטש און האַלב־חיה:

איר וארב אונ' איר רוטר מונד
דער הוב איר אָן צו ור ואלבן

(איר פארב און איר רויט מויל האָבן ביי איר אָנגעהויבן צו פאַרפאַלבן)

פאַראַן ביי אים אַ שלל בילדער, וואָס גיבן איבער דעם געמיט־צושטאַנד פון די העלדן. טייל זיינען דראַמאַטישע, טייל סענטימענטאַלע, אַנדערע זיינען אינגאַנצן ליּרישע. ווי אַ משל ווען מיר ברענגען די סצענע ביי דער סעודה (סטראָפע 107). דרוזיאַנע פועלט אויס ביי איר פאָטער, דעם קעניג, מע זאָל פאַרבעטן דעם פערד־יונג בבאָן צו סערווירן און דערוויל וועט זי זיך אים דערקלערן אין ליבע, און זי וויס ניט, אַז ער איז אַן אומגליקלעכער פרינץ:

ווי באַלד דרוזייאנה דא נוך אים שיקט,
דא קאם דער דעגן אויש דר קורן,
ווי גר ליפליך זי אין דא אן פליקט,
זי זך אין אן הינטן אונ' וארן,
זי דוכט גלייך זי ווער גנץ דר קוויקט,
דר נוך לוישפרט זי אים אין זיין אורן,
דו ליבש גישטלט דו שטערן העלר,
אכט אונ' סערביר מיר אויף מיינם טעלר.

(אַזוי שנעל ווי דרוזיאַנע נאָך אים שיקט, איז געקומען דער ריטער דער אויסדערוויילטער (ד. ה. בבא). ווי גאָר ליבלעך האָט זי אים אָנגעבליקט. זי האָט אים באַקוקט פון הינטן און פון פאָרנט. ס׳האָט איר זיך געדוכט, זי ווערט אינגאַנצן דערקוויקט, דערנאָך פליסטערט זי אים אין די אויערן: „דו ליב געשטאַלט, דו שטערן העלער, אַכט און סערוויר מיר אויף מיין טעלער)

זיין מייסטערשאַפט ווייזט אליה בחור אַרויס אויך אין די אַזוי־גערופענע סיטואַציע־בילדער. זיי ווירקן זייער שטאַרק,

ווייל די מיטלען, וואָס ברענגען אַרויס די בילדער, זיינען שפּאָרעוודיקע. צו קאָנטראָלירן דעם באַשרייבערישן יצר־הרע אין סיטואַציע־בילדער איז אַ סך שווערער ווי אין אַ ריין־מאָלערישע בילדער. זייער אָפט איז עס גאָר אַ פּרואוושטיין פאַר דעם פּאָעטס סענסיביליטעט און אויך פאַר דעם פּולס פון זיין קינסטלערישן נערוו. און וואָס לעבעדיקער דאָס בילד איז, אַלץ טיפער קריצט זיך איין די סיטואַציע אין אונדזער זיכרון.

ווען מאַקאַבראָן באַווייזט זיך ניט שפּעט בייטאָג, נאָך דער חתונה־נאַכט, ווייס נאָך אַלץ קיינער ניט אין הויף, אַז דרוזיאַנע האָט אים אָפּגענאַרט, איינגעשלעפּערט מיטן שלאָף־געטראַנק און איז אַנטלאָפן מיט בבאַן, וואָס האָט זי געראַ־טעוועט. וואונדערן זיך טאַקע אַלע אין הויף, וואָס מאַקאַבראָן שלאָפט אַזוי שפּעט. אַפילו זיין פּאָטער געפעלט עס ניט און ער קומט צו צו מאַקאַבראָנס טיר. צוערשט מיינט ער, אַז די יונגע פּאָר שעמט זיך פאַר קיינעם ניט און שלאָפט זיך גאַנץ געשמאַק, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַלע וואַרטן מיטן עסן. שטימונג, דערוואַרטונג, באַשלוס און האַנדלונג ווערט דאָ אַרויסגעפירט אין איין אַקטאַווע מיט אַן אויסער־געוויינלעכער עקאָנאָמיע (סטראָפע 353):

ער וואָלט צו מול ניט וואַרטן מין,
ער הוב אן צו רומפּילן אן דער טורן,
איין גוטי וויל בלייב ער דא שטין,
ער הורט זיך נימץ דינן רוירן.
ער שפּרך דש קן ניט גלייך צו גין.
איין ווילד וועזן מושן זי דינן בוירן.
ולוקש היש ער ברענגן צוואנג אונ׳ האמר,
אונ׳ מיט גיוואלט בראך ער אויף די קאמר.

(ער וויל צומאָל ניט וואַרטן מיין. ער הייבט אָן רומפּלען אין דער טיר. אַ גוטע ווייל איז ער געבליבן דאָרטן שטיין. ער האָט קיינעם ניט געהערט זיך דאָרט רירן. ער מאַכט: „דאָס קען ניט גלאַט אַזוי גיין. גאָר ווילד מוזן זיי זיך דאָרטן פירן.“ גלייך הייסט ער ברענגען צוואַנג־און האַמער, און מיט געוואַלד ברעכט ער אויף די קאַמער.)

דאָס נאָרוואָס געבראַכטע סיטואַציע־בילד איז איינס פון הונדערטער. עס זיינען אָבער פאַראַן ביי אים אויך אַזעלכע סיטואַציע־בילדער, וואָס זיינען באמת אומפאַרגעסלעך. דאָס זיינען בפירוש זעלטענע בילדער אין אונדזער ליטעראַטור.

ווען בבא מיט דרוזיאַנען און פעלוקאַנען אַנטלויפן נאָך אַ שלאַכט דורך אַ הייל אין וואַלד, הייבט אָן דרוזיאַנע גיין צו קינד. פעלוקאַן, דער האַלב־מענטש און האַלב־חיה, העלפט אָפּנעמען דעם צווילינג. אָבער ווען מע קוקט זיך אַרום און מע זעט, אַז זיי האָבן גאָרניט פאַר דער קימפעטאָרין, לאָזט זיך אַוועק פעלוקאַן צו קריגן עפּעס פאַר אַלעמען. אין וואַלד שלאָגט ער זיך אָן אויף אַ מאַנאַסטיר. און דאָ קומען צוויי פּרעכטיקע סטראָפעס, וואָס גיבן איבער דאָס אומהיימלעכע בילד ביים מאַנאַסטיר (סטראָפעס 446־447):

ולוקש לוף ער הינאן ביז אן דש הויז
אונ׳ קלופפט אָן מיט איינם שטעקן.
איין קליין מונכליין זאך צום ופנשטר אויש
אונ׳ ביל גלייך הינטער זיך בור שרעקן,
אונ׳ מיט איינעם אנגשט אונ׳ גרויז
לוף עז בון דעם ופנשטר הין וועקן,
אונ׳ זאגט דעם אפט מיט שרייאן אונ׳ וויינן,
עש שטיט איינר בור דער טויער דער גיט אויף ויר ביינן

(שנעל איז ער אַוועק ביז צום הויז, און קלאַפּט אָן מיט אַ שטעקן. אַ קליין מאַנאַכל פון פענצטער קוקט אַרויס, זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן צוריק פון שרעק, און מיט אַנגסט און גרויז, פונעם פענצטער לויפט ער אַוועק, און זאָגט דעם אַפּט מיט קולות און וויינען: „עס שטייט ביים טיר איינער, וואָס גייט אויף פיר (ביינער) פיס.)

ער קלופפט אן אונ׳ וויל יא הריין,
קיין שוייצליכר מן הון איך ניא גיזעהן.
דער אפט דער שפרך ווער מג עש זיין
צו דען אנדרן מוינכן הוב ער אן צו ייעהן,
גיט זעכט ולוקש אונ׳ לושט אין ניט איין,
עש לופן דאָ הין לעכט אירר ציהן

אן דש וענשטר אונ׳ זאהן אין קלופפן
אונ׳ בור אַנגשט לאגן אויף אין די טרופפן.

(ער קלאַפּט אָן און וויל יאָ אַריין. „אַ מער העסלעכן מאַן האָב איך קיינמאָל ניט געזען.״ זאָגט דער אפּט: „ווער זאָל עס זיין?״ צו די אַנדערע מאָנאַכן הייבט ער אָן צו זאָגן: „גייט, זעט שנעל, און לאָזט אים ניט אַריין.״ האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַהין אַן ערך אירע צען, צום פענצטער און זעען אים קלאַפּן, און פאַר אַנגסט שלאָגן ביי זיי אַרויס די טראָפּן.)

דינאַמיק, שאַרפע שילדערונג און דראַמאַטישקייט

אויסערגעוויינלעך שפּאָרעוודיק מאָלט אליה בחור אויס סיטואַציע־בילדער אין באַוועגונג. דער צמצום, ווייזט אויס, קומט דאָ טאַקע צום אויסדרוק מחמת דער שטאַרקער באַוועגלעכקייט און מחמת אליה בחורס דיסציפּלינירטער מייסטערשאַפט. איינע פון די שווערסטע זאַכן איז צו באַשרייבן די באַוועגונג בשעת אַ קאַמף, אַ געשלעג, אַ סומאַטאָכע. כדי איבערצוגעבן סטאַטישע בילדער איז גענוג ווען מע באַשרייבט זיי בלויז. אין דינאַמישע בילדער מוז מען שילדערן די אָביעקטן אין צייט, אין באַוועגונג. האַנדלונג, שאַרפע שטריכן, טעמפּאָ, צמצום — דאָס אַלץ שאַפט דאָס באַוועגלעכע בילד. און ביי אליה בחור זיינען פאַראַן אַזעלכע בילדער אָן אַ צאָל. פאַר איינס פון די סאַמע אָנזעעוודיקע בילדער אין באַוועגונג קענען מיר רעכענען זיין באַשרייבן בבאס קאַמף מיט אָבריאַנען, בעת בבאן גיט זיך איין צו אַנטלויפן פון דעם סולטאַנס הענט און אָבריאַן מיט צוויי הונדערט מאַן יאָגן אים נאָך. ווען בבא האָט געזען, אַז ער האַלט שוין זייער שמאָל און אַז זיין לעבן איז אין גרויס סכנה, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון אונטער אָבריאַנס שפּיז, וואָס האָט אים שוין אָנגערירט, און זיך אַ נעם געטאָן צו אים (סטראָפעס 269, 270, 271):

בבא דער וויך אויז דער לאַנץ,
אונ׳ ביהענד וואש ער זיך צו אים וועגדן,
אונ׳ שפּראַנג גלייך ווידר צו אים גנץ,
אונ׳ נאַם זיין שווערט איןביידי הענדן,

און׳ שטאך עש דעם פפערד אין זיין פאנץ,
דש עש ביל דר נידר גאר ביהענדן,
אברייאן וואלט אויז דעם זאטיל שפרינגן,
דא קונט ער די בוש אויז דעם שטעגרף ניט ברינגן.

(בבא האָט זיך אַרויסגעדרייט ביי אים פון זיין לאַנץ, און האָט זיך שנעל צו אים געטאָן ווענדן, און האָט אַ שפּרונג געטאָן גלייך ווידער צו אים אינגאַנצן, און האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין שווערד מיטביידע הענט, און האָט עס אַריינגעשטאָכן דעם פערד אין זיין בויך, אַז עס איז גע־פאַלן דער נידער גאָר שנעל, אַבריאַן האָט געוואָלט פון זאָטל שפּרינגען, האָט ער אָבער ניט געקענט אַרויסשלעפּן די פיס פון די טרעטערס.)

בבא, היב אים דש שווערט אים קופפא
און׳ שפילט אים ביז מיטן אין גומן,
דש ער זיך אום דרעאט אז איין טופפא,
זיין לעבן דש וואר אים שון גינומן.
דר נוך הוב אן צו לאפן דער טרופפא
די אַנדרן זאָך ער הר נוך קומן.
ער שפרך וויל איך ביהלטן מיין לעבן,
זא מוש איך דש מול וערשטן געלט געבן

(בבא האָט אים אַריינגעזונקען (אַריינגעהאַקט) דעם שווערד אין קאָפּ, און האָט אים צעשפּאַלטן ביז מיטן אין גומען, אַז ער האָט זיך אויס־געדרייט ווי אַ דריידל. זיין לעבן איז שוין געווען פון אים גענומען. דערנאָך האָט דאָס נאַרעלע אָנגעהויבן לויפן. די אַנדערע האָט ער געזען אַהער נאָכקומען. זאָגט ער: „וויל איך ראַטעווען מיין לעבן, איז מוז איך דאָס מאָל „פערשטן געלט געבן” (אידיאָמאַטישער אויסדרוק), דאָס מיינט: כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס (אָפּציען).

אובר צווערך ועלד לוף ער גאר זיר,
אובר די עקר און׳ אובר דען זומן.
ער האָט ניט זיר וייט צו דעם מיר,
הין צו ביגונד ער ולוקש צו שטרומן.
דער נוך קאם צו רענן יענש גרוש היר,
דא באנדן זיא דורט דר שלאָגן בר הומן,
דא מערקטן זיא וואל דאש אין בבא האָט דאר שלאָגן,
זיין ברודער הוב אן צו ויינן און׳ צו קלאָגן

(איבערן קווער פעלד איז ער געלאָפן גאָר זייער, איבער געאַקערטן און איבער לאַנד מיט זאָמען. ער האָט ניט געהאַט זייער ווייט צו דעם מער (ים), אַהינצו האָט ער אָנגעהויבן שנעל צו שטראָמען. נאָכדעם איז געקומען צו לויפן יענער גרויסער חייל, האָבן זיי אים געפונען דאָרט דערשלאָגן גלייך ווי אַ המן. האָבן זיי דאָן וואויל געמערקט, אַז בבא האָט אים דערשלאָגן. זיין ברודער האָט אָנגעהויבן צו וויינען און צו קלאָגן)

האַנדלונג, שאַרפע שטריכן, שנעלע טעמפּאָ, שפּאָרעוודיקייט זיינען טאַקע גוטע מיטלען צו שאַפן די אילוזיע פון באַוועגלעכקייט. אָבער כדי דאָס זאָל ניט זיין בלויז רייד וועגן באַוועגלעכקייט, נאָר טאַקע קינסטלערישע עכטקייט, מוז דער קינסטלער שאַפן די אילוזיע פוןווירקלעכקייט. ער דאַרף דאָך אונדז באַווייזן דאָס לעבן, ניט אין זיין סטאַטישן צושטאַנד, אויב עס איז פאַראַן אַזאַ לעבן, נאָר אין דינאַמישן צושטאַנד. די דינאַמיק פאָדערט אַזוינאָך, אַז דער קינסטלער זאָל שילדערן די ווירקלעכקייט אין איר סאַמע תוך. די דאַזיקע ווירקלעכקייט קען זיך זיין אַ פאַקטועלע. זי קען אויך זיין — און על פּי רוב איז זי טאַקע — אַ ניט פאַקטועלע, נאָר אַ געזעענע אין דמיון. ווען אליה בחור האָט געשילדערט באַוועגלעכקייט, ווען ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט געשעענישן פאַר אונדזערע אויגן, האָט ער טאַקע געשאַפן אין אונדז די אילוזיע פון אַ ווירקלעכקייט. אַזוי איבערצייגנדיק איז זיין כוח צו שילדערן. מיר זעען עס דורך און דורך אויף יעדער טריט און שריט אין זיין „בבא". בבאס קאַמף מיט דעם סולטאַנס חיילות איז פול מיט באַוועגונג, פול מיט האַנדלונג (סטראָפע 176):

בבא דער וריש דעגן באר הין שנורט,
רונדעלה ליגט ער דען צאַם אויף די אורן,
אונ׳ אונטר די היידן היניין ער פורט.
זי מיינטן ער ווער אונזיניג גיוואָרן.
רונדעלה דש שנאַרכט אונ׳ רוהלט אונ׳ מורט,
אונ׳ בייש אונ׳ שלוג אויף הינטן אונ׳ וארן,

עס טורשט אים נימנט קומען אן זיין זייטן,
אין איינר קורץ מאַכט עס אום זיך גאר ווייטן.

(בבא, דער פרישער (דער מוטיקער) העלד (ריטער) האָט זיך רווישיק אַ לאָז געטאָן פאָרויס. רונדעלען (זיין באַצויבערט פערד) האָט ער אַוועקגעלייגט דעם צאַם אויף די אויערן. און צווישן די געצנדינער גיט ער אַ פאָר אַריין. זיי האָבן געמיינט ער איז אַראָפּ פון זינען. רונדעלע, עס שנאָרכט, ברילט און סאָפּעט, און בייסט און בריקעט פון הינטן און פון פאָרנט. עס טאָר אים קיינער ניט קומען צו די זייטן. און אין אַ קורצער ווייל מאַכט עס אַרום זיך אַ פרייען פּלאַץ.)

די ציטאַטע האָב איך אַרויסגעכאַפּט פון דער שלאַכט־באַשרייבונג אין דער מלחמה, וואָס דער סולטאַן האָט פאַר־פירט קעגן דרוזיאַנעס פאַטער, דעם קעניג פון אַרמאַניע, אַז ער זאָל געבן דרוזיאַנען פאַר אַ ווייב זיין זון לוציפערן. די אילוזיע פון ווירקלעכקייט דערגרייכט דאָ אליה בחור, ווי אומעטום, מיט שילדערן אַבסאָלוט רעאַליסטיש די סאַמע וויכ־טיקסטע שטריכן, בלויז די סאַמע וויכטיקסטע פרטים וועגן דעם פערד רונדעלען בעת דאָס פערד „שנאָרכט און הירזשעט און סאָפּעט." און אין דער זעלביקער סטראָפע האָבן מיר בבאס געוואַגטן אַקט. ער באַפרייט זיך די אייגענע הענט דורך לייגן דעם צאַם דעם געטרייען פערד אויף די אויערן. דאָ זעען מיר ווי די געצנדינער זיינען געפּלעפּט בעת בבא פאָרט גלייך אַריין צווישן זיי, און ווי קיינער קען ניט צוקומען צו רונדעלען און ווי אַזוי עס ווערט פריי דער גאַנצער שטח אַרום איר.

גאָר אַ בלענדנדיקע שילדערונג פון קאַמף האָבן מיר אויך אין דעם געשלעג אויף טויט און אויף לעבן צווישן בבאן און דעם האַלב־מענטש האַלב־חיה פּעלוקאַנען (סטראָפעס 370־371). עטלעכע שטריכן, שאַרף געשניטענע, אָבער ביז גאָר רעאַליסטישע, ממש געזעענע, גלייך אליה בחור וואָלט בפועל ממש געשטאַנען דערביי און מיט אַ שאַרף אויג באַ־מערקט יעדער קלייניקייט. דאָס שאַפט ביים לייענער די אי־לוזיע, אַז ער אַליין, דער לייענער, שטייט און קוקט זיך צו צו דעם דאָזיקן געפערלעכן קאַמף.

בבא נאם רונדעלה בייא דעם צאַם,
אונ׳ אויז דעם שוש וש ער אים ווייכן,
פעלוקן ולוקש איין אַנדרן פפייל נאַם,
אונ׳ שוש אבר איין שוש איין און גלייכן.
בבא ולוקש גין אים צו רענן קאַם,
אויבר זיין קופף וואש ער אין שטרייכן.
פעלוקן שוש אויף אין גר און ור דרושן,
ביז ער זיין פפייל הט אל ור שושן.

(בבא ציט רונדעלען ביי דער צאַם און פון דעם שאָס טוט ער אויס־ווייכן. פעלוקאן האָט שנעל געכאַפּט אַן אַנדער פייל, און שיסט, אָבער אַ שאָס גאָר אַן אומגלייכן. בבא איז שנעל קעגן אים געקומען צו לויפן, איבער קאָפּ האָט ער אים געטאָן האַקן. פעלוקאן שיסט אויף אים גאָר אומזיסט, ביז ער האָט די פיילן אַלע אויסגעשאָסן.)

אונ׳ דא ער נון קיין פפייל מין היט,
דא צוך ער זיין שווערט אויש דער שיידן.
דא לופן זי מיט אננדר אין די וויט,
אונ׳ שלוגן אויף אננדר מיט ביידן,
אי איינער בון דעם אַנדרן זיין לעבן ריט.
דער נוט שוייש ראן בון אין ביידן.
פעלוקן שטרייט מיט גרושם שטורם.
אונ׳ בבא וואַנד זיך אַז איין לינט וואורם.

(און ווען ער האָט שוין קיין שום פייל מער, האָט ער געצויגן די שווערד פון דער שייד, און זיך אַ לאָז געטאָן קעגן אַן אַנדער ווי אין אַ וועט־שטרייט און שלאָגן איינס דעם צווייטן מיט ווילדער פרייד. יעדערער פון דעם אַנדערן זיין לעבן ראַטעוועט. דער גויט־שווייס איז גערונען פון זיי ביידן. פעלוקאן שלאָגט זיך מיט גרויס שטורעם, און בבא האָט זיך געדרייט ווי אַ לינדוואָרעם.)

אליה בחורס קינסטלערישע עכטקייט ביים שילדערן די־נאַמישע בילדער, פירט אים צו דראַמאַטישקייט. אַ שלל עכטע דראַמאַטישע בילדער האַלטן דעם לייענער געפאַנגען. אין דעם גאַנג פון געשעענישן ווערן די דראַמאַטישע סצענעס ווי אַנגעגליט. די סיטואַציע וויקלט זיך שנעל, די טעמפּאָ איז אַ האַסטיקע, און פול מיט קינסטלערישער עכטקייט. אומ־

פֿאַרגעסלעך איז די סצענע, געגעבן אין איין סטראָפֿע, ווען דעם סולטאַנס הענקער האַלט שוין ביים אויספֿירן דעם משפּט איבער דעם געפֿאַנגענעם בבא (סטראָפֿע 241):

זי שריי ווארט ביז איך קום,
גראציייה גראצייה הוב זי אן צו שרייאן.
דער הענקר ווענדט זיך הין אום,
דאָ זי הט געטון אן שרייא אודר דרייאן
אונ׳ שפּרך צו בבא דו דעגן ורום,
גיהב דיך וואל מן הוט דיך טון ורייאן,
דיש שולדאנש טוכטר זיך איך דא הער רענן,
דש זי דיך הוט אב גיבעטן קאן איך וואל קענן.

(זי שרייט: „וואַרט ביז איך קום, גראציא, גראציא,“ הייבט זי אָן (האָט זי אָנגעהויבן) צו שרייען. דער הענקער האָט זיך אַ קער געטאָן אַרום, ווען זי האָט אַ שריי געטאָן איינמאָל אָדער דריי, און זאָגט צו בבאן: „דו העלד (ריטער) פֿאָרנעמער, האַלט זיך גוט (פֿריי זיך גוט), מע האָט דיך באַפֿרייט, דעם סולטאַנס טאָכטער זע איך דאָ אַהער יאָגן, אַז זי האָט דיך אָפּגעבעטן, קען איך זיך גוט אָנשטויסן.“)

דרוזיאַנע און בבא טרעפֿן זיך לסוף נאָך די אַלע אומגליקן, וואָס זיינען זיי באַפֿאַלן. קומט עס פֿאָר פּונקט אין דער צייט בעת עס איז נאָענט די חתונה צווישן בבאן און דעם סולטאַנס טאָכטער מאַרגאַריעטן, וואָס האָט אים געראַטעוועט. די אַלע סצענעס ווי אַזוי בבא דערקענט פֿון אַ בעטלערינס (פֿון דער פֿאַרשטעלטער דרוזיאַנעס) זינגען, אַז דרוזיאַנע לעבט, ווי זי ווערט פֿאַרלאָרן, און ווי אַזוי ער דערוויסט זיך דעם אמת פֿון די צוויי יינגעלעך, זיינע אייגענע זין, און ווי אַזוי ער טרעפֿט זיך מיט זיי און שפּעטער, — ווי אַזוי די יינגעלעך פֿירן צונויף פֿאָטער און מוטער) — די אַלע סצענעס, ווי יעדער אַנדערע סצענע אינעם ראָמאַן, זיינען פֿול מיט דראַמאַטישקייט, און כמעט ביזן סאַמע סוף וויקלט זיך פֿאַר אונדז פֿאַנאַנדער אליה בחורס באַוועגלעכע און דראַמאַטישע שילדערונג. אַזוי איז די סצענע ווען ער קומט אין פּאַלאַץ צו מאַרגאַריטען מיט דרוזיאַנען און זיינע צוויי יינגלעך (סטראָפֿע 635):

אונ׳ אויף דעם פּאליש גינגן זי גר דרוט,
אן איקליכר הנט הט יער איינש גינומן.
מלגריטה זגט מן דש ליידיג ביטן ברוט,
וויא בבא זיין ערשט ווייב ווער קומן.
זי דר שראק דש הין ביל בור טוט,
אונ׳ רידט גלייך אז ויל אַז די שטומן.
בבא דער מושט זי זעלבשט לאבן.
ער שפּרך דו מושט פּצענצייה האבן.

(און צום פּאַלאַץ זיינען זיי געגאַנגען גאָר שנעל. אין יעדער האַנט האָט ער איינס (איינעם פון זיינע זין) גענומען. מאַרגאַריטען זאָגט מען אָן די פיינלעכע נייעס, ווי זיין ערשט ווייב איז בבאן געקומען. זי דערשרעקט זיך, אַז זי פאַלט ווי טויט, און רעדט אַזויפיל חי די שטומע. בבא, ער מוז זי אַליין דערקוויקן. ער זאָגט: „דו מוזסט מיטלייד (פּיצענציע) האָבן.״)

אליה בחורס פּאָעטישע קראַפט ליגט אין זיין עפּישן טאַלאַנט. זיין קונסט איז דאָס, וואָס מע וואָלט געקענט אָנרופן — די אָביעקטיווע קונסט פון שאַפער. זי איז פול מיט הויכער פאָרם־מייסטערשאַפט, מיט אָרגאַנישער ווירטואָזיטעט, וואָס איז איינס מיט זיין ריטם, מיט זיין כוח צו שילדערן סצענעס, סיטואַציעס, דראַמאַטישע מאָמענטן. זיין טעמפּאָ איז אַ דינאַמישע. דער גאַנג פון דערציילן, באַשרייבן און שילדערן איז ביי אים אַ זיכערער. און גאָר מייסטעריש ווערט ער ביי די סאַמע דראַמאַטישע סצענעס, באַזונדערס די סצענעס, וואו ער דאַרף שילדערן שטאַרקע האַנדלונג, שנעלע געשעעענישן און קאַמפן.

ווען מע זאָל קענען ברענגען זיינע ווערק צום יידישן לייענער אין אַ צוגענגלעכער פאָרם, אין דער איצטיקער מאָדערנער יידישער שפּראַך, וואָלטן צוגעקומען אין אונדזער ליטעראַטור וויכטיקע און אינטערעסאַנטע ווערק. פון אַ גרעסערן אינטערעס דאַרפן זיי זיין פאַר דעם וואָרט־קינסטלער. פאַר אים קענען זיי זיין אַ מוסטער פון אָביעקטיווער קונסט, אַ מוסטער פון שילדערונג־קונסט אין אַ קאָמפּלעקס פון הויכער פאָרם־מייסטערשאַפט. אליה בחור איז ניט דער

איינציקער פּאָעט, און זיינע ווערק זיינען ניט די איינציקע אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, וואָס מע וואָלט באַדאַרפט אַריינברענגען צוריק אין דעם לעבעדיקן גאַנג פון אונדזער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג. זיי וואָלטן דעמאָלט אויפגעהערט צו זיין אַן ענין פאַר ליטעראַטור־געשיכטע אָדער קולטור־געשיכטע, פאַר קוריאָז אָדער סתם נייגער. זיי וואָלטן געוואָרן אַ טייל, און אַ גאָר וויכטיקער טייל פון אונדזער לעבעדיקן וואָרט־אוצר.

אינהאַלט פון בבא־בוך

איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון „בבא־בוך", ווי אליה בחור האָט עס געשריבן, מיינט מינערן דעם גאַנצן קינסטלעריש וווערט פונעם ווערק. אַפּשיטא שוין ווען מע לאָזט אַרויס אַלע פאַרכאַפּנדיקע עפּיזאָדן, די בינדנדיקע סיטואַציעס, די פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן און אַלע רירנדיקע סצענעס. ווען מע לייענט דעם ראָמאַן ווי אליה בחור האָט אים געשריבן, פאַרשטייט מען ערשט פאַרוואָס די פּאָפּולערקייט פון דעם ראָמאַן האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג ביים יידישן לייענער. ס'איז טאַקע אַ פאַרכאַפּנדיק ווערק, און עס איז אַ קונסטווערק.

כדי דער לייענער זאָל וויסן בלויז די פאַבולע וועגן וואָס עס האַנדלט זיך אין דעם סטאַנסן־ראָמאַן וועגן בבאן, גיבן מיר דאָ איבער די הויפּט־פּרטים. די סטראָפעס, וואָס ווערן דאָ געגעבן זיינען ניט קיין איבערזעצונגען. מיר האָבן זיך באַמיט זיי צו דערנעענטערן שפראַכלעך צו אונדזער איצטיקן יידיש. כדי זיך צו קענען האַלטן ווי ווייט מעגלעך ביים ריטם, האָבן מיר אָפט געביטן די פאַרגאַנגענע צייט אויף דער איצטיקער צייט.

אין אָנהייב פונעם ראָמאַן קומט אליה בחורס אַריינפיר אין פאַר־גראַמען. דעם אַריינפיר האָט ער געשריבן מיט 34 יאָר שפּעטער (1541):

איך, אליה לוי, דער שרייבער,
דינער אַלער פרומען ווייבער,
מיט ערן און מיט צוכטן (העפלעכקייט),
און איך לאָז מיך אַלזאָ בידוכטן (באַטראַכטן),

און שטייט אייך וואויל צו גלאבן (גלויבן),
דאָס מיר איטליכע פרויען פאראיבל האבן,
ווארום איך ניט אויך פאר זיי דרוק,
מיינער טייטש ביכער איין שטוק (שטיק),
דאָס זיי זיך מאָגן ד(ר)ינען דערמייען (דערפרייען),
און שבתות און ימים טובים ד(ר)ינען לייען,
נון, די ווארהייט זאָגן וויל איך,
עס דוכט מיך אויך זיין רעכט און ביליך,
אַזוי ווי איך אין דער הייליקן געשריפט
אַכט אָדער ניין ביכער האָב געשטיפט,
און מיט דער דרוק אין דער וועלט האָב מאכן קומען,
זאָ האָב איך מיר אויך פאָרגענומען
בעת איך האלט אַן ענד מיינער טאָגן (טעג),
און היינט אָדער מאָרגן קער איך אויף די גאָגן
(אויפן רוקן; איך וועל שטאַרבן),
דא ווערן אל מיינע ביכער און מיינע לידער
פארגעסן און געלייגט דער נידער.
דרום זאָל מיר קיינס דערפון רוקן,
איך וועל זיי אל נאָכאנאנדער דרוקן,
און ווערן (בעת) איר האַלט נאָך אַזויפיל,
ווערט מיר אנדערס ניט צו קורץ דאָס ציל,
און וויל אָנהייבן בשעה טובה,
מיט דעם דאָזיקן בוך דאָס דא הייסט בובא,
און דאָס איז ווערליך און גאָט ווער,
דאס עס איז נון פיר און דרייסיג יאר,
זינט איך עס אויס איינעם וועלש (איטאַליענישן) בוך
האָן (האָב) געמאַכט,
אבער פיל האָב איך דא צוגעטראכט.
ווער ד(ר)ינען לייענט, דער ווערט עס אינען (פאַרשטיין),
אבער פאראן עטלעכע וועלשע (איטאַליענישע)
ווערטער דרינען,
ווער זיי ניט פאָרשטייט, דער זוך
אין דעם אלער הינטערשטן בלעטלען אין דעם בוך.

דא ווילֿ איך זיי אויסלייגן ווײדלעך (שיין),
נאָך דעם אלף בית גאר באַשיידלעך (דייטלעך).
אבער דער ניגון, דער דערויף ווערט גיין,
דעם קאָן איך אייך ניט געבן צו פארשטיין.
ווען איינער קאָן מוזיקע אָדער סאָלפע (סאָלפעדזשיאָ),
זאָ וואלט איך אים וואָלֿ האָבן געהאָלפן.
אָבער איך זינג עס מיט איינעם וועלשן (איטאַליעניש) גיזאנג,
קען ער דערויף מאכן איין בעסערן, איז האט ער (מיין) דאנק.

נאָך דעם דאָזיקן אַריינפיר, אין פאָר־גראַמען, קומט די אינוואָקאַציע, שוין אין אָטאַווא רימאָ:

גאָט, — דען זאָלֿ מען אייביק לאָבן (לויבן),
און זיינע וואונדער זאָלֿ מען קונדן (אָנזאָגן),
ווען (ווייל) ער איז געאכפערט און דערהאָבן (דערהויבן),
אין פרומער לייטן מונדן (מײלער).
ער איז געוועלטיק אונטן און אָבן (אויבן),
זיין לאָב (לויב) איז ניט צו גרונדן (דערגרונטעווען).
קיין מענטש דער (וואָס) עס קאָן פולענדן (זאָלֿ דאָס קענען אויסדערציילן),
ווען (ווייל) עס האָט נאָך דרום נאָך ענדן (ניט קיין סוף און קיין אָנהייב).

זיין הייליקער נאמען זאָל מיך שטערקן (שטאַרקן),
דאָס מיר ניט מוש (מוז) מיסלינגען
צו פולענדן (פאַרענדיקן) דאס דאָזיק ווערקן —
איין וועלש בוך צו טויטש (יידיש) צו ברינגען,
און דאָס איך זאָלֿ פאָר מיך מערקן
און ניט פעלן אן קיינערליי דינגען (און אין קיין זאַכן דורכפאַלן),
און דאס די לייט זאָלן מיינער לאכן (פון מיר לאַכן),
נון הערט אויף, עס ווילֿ זיך מאכן.

נאָך דער דאָזיקער אינוואָקאַציע קומט דער ראָמאַן. ער הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

מע זאָגט ווי אין לאָמפּאַרטן,
איז געזעסן פאַר לאַנגע צייטן,
אַ הערצאָג פון הויכן אַרטן,
זיינס גלייכן ז'ניט געווען אין ווייטן.
הערצאָג גווידאָן רופט מען דעם צאַרטן.
אַ שטאַרקער דעגן (ריטער) אין אַלע שטרייטן.
און מיט גרויס כבוד טראָגט ער די קראָנע (קרוין),
אין אַ שטאָט וואָס הייסט אַנטאָנע.

גווידאָן איז שוין געווען אַ מאַן פון זעכציק יאָר און נאָך אַלץ אַ בחור. אויף דער עלטער האָט ער אָנגעהויבן צו ליידן פון קעלט. זיינע נאָענטסטע רעדן אים צו, ער זאָל חתונה האָבן. האָט ער חתונה מיט דער הערצאָגן־טאָכטער פון בורגאָניע, וואָס „אירס גלייכן איז ניט געווען ביז קיין באַבילאָניע". געהייסן האָט זי די שיינע בראַנדאָניע. „ביי אים האָט זי אַ הערלעך לעבן. וואָס זי'ט נאָר געוואָלט, איז געווען געטאָכט. זי האָט גוטע טעג און בייזע נאַכט". די אומגליקלעכע בראַנדאָניע האָט געבוירן גווידאָנען אַ זון. „ער האָט אים אָנגערופן בבא מיט זיין נאָמען". גווידאָן איז זייער גליקלעך. זיינעם אַ געטרייען בורגראַף גיט ער איבער זיין זון, יענער זאָל אים דערציען. „דער זעלבער גראַף הייסט סיניבאַלד, זיין שלאָס הייסט סאַנסימאָן, אין אַ וואַלד".

סיניבאלד האָט גענומען דעם יונגן הערן,
און האָט אים געבראַכט קיין סאַמסימאָן צו זיין ווייבן (ווייב).
זי זויגט אים פון האַרצן גערן.
זי האָט ניט געוואוסט וואָס זי מיט אים זאָל טרייבן.
מע האָט געזען, אַז ער האָט אָנגעהויבן גרויס צו ווערן,
אַז ער איז געווען אַ מאַן פון זיין לייבן (געבוי),
ווען ער איז געווען אַ יונגער פון צען יאָרן,
פלעגט ער קענען אַ כאַפּ טאָן צוויי־דריי אויפן
הארן (מיטאַמאָל).

און סיניבאַלד, ער לערנט אים פעכטן,
שטעכן, שירמען און טורנירן,
יעדן וואָלט ער הרגנען און שעכטן,
גאָר ווילד זיינען אים געפּלויגן די געהירן.
צווישנווייל מיט פּיר־פּינף קנעכטן
פּלעגט ער אַוועק צו זיין מוטער שפּאַצירן (רייטן),
אָבער זי פּלעגט אים ווינציק ליבשאַפט פּלעגן.
זי האָט אים פיינט צוליב זיין פאָטער וועגן.

איין מאָל האָט זי זיך געמאַכט קראַנק. דער צעטראָגע־נער אַלטער קעניג האָט איר געוואָלט העלפן. האָט זי אים איינגערעדט, אַז זי קען געזונט ווערן, אויב זי וועט עסן אַ גע־פּאַנגען ווילדפּרעט (אַ ווילד חיהלע). דער אַלטער קעניג, בבאָס פאָטער, האָט אָבער ניט געוואוסט, אַז זיין פאַררעטערי־שע פרוי, די קעניגין בראַנדאָניע, האָט פאַר אים צוגעגרייט דעם טויט. די קעניגין צווינגט ריצאַרדן, גווידאָנס אַ ריטער, צו ווערן אַ פאַררעטער. פאַר גרויס שרעק פירט ריצאַרד דורך אַלץ, וואָס זי הייסט אים. אויב ניט — האָט זי אים אָפן גע־זאָגט — וועט זי אויף אים אויסטראַכטן אַ בלבול, אַז ער האָט איר געוואָלט שלעכטס טאָן. אַזוי גיט אליה בחור איבער אירע רייד צו ריצאַרדן:

בראַנדאָניע זאָגט: „דו מוזסט זיך דערוועגן,
אַ צוג צו ציען ביז אין פראַנצאַ (פראַנקרייך),
דאָרט זיצט אַ יונגער, שטאָלצער דעגן (ריטער),
וואָס הייסט הערצאָג דאָדאָן פון מאַגאַנצאַ.
מיין מאַן האָט איינגעשטאָכן אַמאָל אַ דעגן —
זיין ליבן פאָטער אין פאַנצא (בויך).
דערום זאָלסטו צו אים שפּרעכן,
איך וועל אים זיין פאָטער העלפן רעכן (נקמה נעמען
פאַר זיין פאָטער).

און דעם דאָזיקן בריוו זאָלסטו אים טראָגן,
אַז ער אַהער זאָל קומען אין לאָמפּאַרטן,

מיין מאַן זאָל ער צום טויט דערשלאָגן,
אין יענעם וואַלד איז זיין טיר־גאַרטן (יאַגד־וואַלד).
דאָרט וועל איך אים שיקן יאָגן (אויף יאַגד).
הייס אים מיט זיינע קנעכט אויף אים וואַרטן.
ער וועט ניט פיל דאַרפן פעכטן אָדער שקאַרמוצלען
(זיך שלאָגן),
הייס אים נאָר געבן דאָרט די קוצלען (אַ קיצל טאָן).

דאַן זאָל ער אהער קומען איבער שטאָק און איבער שטיינען
(שטיינער),
און איינגעמען די שטאָט פאַר אַלע זאַכן (פריער פאַר אַלץ),
דאַן וועל איך שטאַרק שרייען און וויינען.
הלוואי זאָל איך עס קענען פון גרויס לאַכן.
מיט אים וועל איך זיך באַלד פאַראייניגן.
גאָר באַלד וועלן מיר די האָכצייט (חתונה) מאַכן.
און טאָג און נאַכט וועל איך אויף אים הענגען.
וואָס איך פאַרזוימט האָב, וועל איך זיך איינברענגען
(גוטמאַכן)".

אין דער גורלדיקער נאַכט, ווען די קעניגין שיקט אַרויס אין וואַלד איר מאַן, דעם קיניג, צו פאַנגען פאַר איר אַ ווילד חיהלע, רעדט זי אים איין, ער זאָל ניט אָנטאָן אויף זיך דעם פאַנצער:

„איך זאָג אייך, ליבער האַר, טרוי מיר רעכטן,
דער פאַנצער קען אייך דערהיצן.
איר דאַרפט דאָך מיט קיינעם ניט פעכטן.
דרום ראָט איך אייך מיט וויצן (שכל),
ציט (פאָרט) נייערט דאַהין מיט צוויי קנעכטן,
די איבעריקע לאָזט דאָ אין דער היים זיצן.
איר האָט גענוג געזעלשאַפט מיט זייביידן".
דער ליבער יאָלד לאָזט זיך איבעררײדן.

און רייט אַהין דעם זעלביקן מאַרגן.
דער הערצאָג פּרום (בראַוּוער) און דערצו דער ערבער (דער בכבודיקער),
מיט צוויי קנעכט, אָן אַלע זאָרגן,
אויף זיין האַנט פּירט ער אַ שפּערבער.
נון, האָט זיך אין דעם וואַלד פאַרבאָרגן
הערצאָג דאָדאָן, דעם לאַנדס פאַרדערבער,
און וואַרט דאָרט ניט ווייט פון דאַנען,
מיט פיר הונדערט געפּאַנצערטע מאַנען.

הערצאָג גווידאָן, מיט זיינע הונדן (הינט),
ער יאָגט נאָך אַ קליינע ווילן (ווילדע),
ווען עס דוכט דאָדאָנען זיין שטונדן (עס איז די צייט),
קומט ער שנעל פאַרויס צו איילן,
און שלאָגט גווידאָנען גאָר טיפע וואונדן,
און (זיינע מענטשן) שיסן אויף אים מיט זייערע פיילן,
אַז די פיילן בלייבן אין אים שטעקן.
און ער שטאַרבט לײַדער אויף דעם פלעקן (אָרט).

דאָדאָן מיט זיינע געפּאַנצערטע מענטשן לאָזן זיך אַריין אין שטאָט, „הייבן אָן צו מאָרדן און צו ברענען". ווי נאָר בראַנ־דאָניע האָט אים דערזען, איז זי אים געלאָפן אַנטקעגן און אויפגענומען דעם געהויבענעם גאַסט.

נון, הערט מען אין דער שטאָט גרויס יאמערן,
און פילע מענטשן וויינען וואַרמען (הייס) —
פון בירגער און יענטלאמערן (אדללייט),
פון רייכן און פון דעם אַרמען (אָרעמען),
פון סוחרים און פון קראַמערן (קרעמער).
עס האָט געקענט אַ שטיין דערבאַרמען.
ס'איז געווען אַ גרויס שרייען און קערן (קולות):
„אוי־ווי, אוי־ווי, אונדזער ליבער הערן".

געוועז זיינען פיל וואָס וואָלטן עס וועגדן,
פאַר זייער ליבן האַר זיך אָפּרעכן,
שווערד און שפּיז נעמען זיי אין די הענדן (הענט),
דעם מערדער וואָלטן זיי יאָ דערשטעכן.
בראַנדאָניע שיקט נאָך זיי ביהענדן (גאָר שנעל)
און מיט גוטע רייד הייבט זי אָן צו שפּרעכן:
„וואָס ווילט איר אָנהייבן מיט אונדזביידן?
עס איז געשען, איר זאָלט דאָס בעסט דערצו ריידן.

און האָט אייך דער אַלטער הערצאָג גווידאָן
אין אייערע טעג גרויס געטריישאַפט באַוויזן,
איז קוקט אָן מיין ליבן מאַן דאָדאָן,
דעם יונגן, שטאַרקן, שטאָלצן ריזן,
איר וועט אַלע פון אים געשאַנקען האָן (האָבן),
ווייַנגערטנער און פעלד און וויזן,
און קיינער פון אייך זאָל ניט באַדאַרפן צאָלן האַיער —
ניט צאָל, ניט צינז, ניט שטייער.

דרום זאָלט איר פאָלגן מיין לערן,
און לאָזט עס בלייבן ביי איינעם גלייכן,
און אייער טרוי זאָלט איר אים שווערן,
אַז איר אַלע וועט אים האַלט האָבן טוגנטלייכן
(מיט אַלע כוחות)".
זיי טראַכטן אויך: „וואָס זאָלן מיר זיך פיל ווערן,
מיר וועלן עס אַזוי לאָזן הין שלייכן (אַזוי גיין)".
און זיי שווערן אים אַל זייער טרויען,
אָבער איבערן געדאַנק און מיט גרויסן רויען (פאַרדרוס).

נון האָט בבא דאָס געשריי פאַרנומען
און האָט זיך פאַר פורכט פאַרבאָרגן.
סיניבאַלד, זיין געפאָטער, דער פרומען (זיין קוואַטער,
דער חשובער),
ער האָט דעס (פון) יונגן גרויסע זאָרגן.

ער ווייס ניט וואו ער איז הינקומען (אַהינגעקומען).
ער זוכט אים דעם גאַנצן מאָרגן:
ער זוכט אים אין הויז אין אַלע עקן,
הינטער אַלע פעסער און הינטער אַלע זעקן (זעק).

דערנאָך זוכט ער אים אין שטאַל, הין און ווידער,
אין אַלע ווינקלען די דאָ וואַרן (פאַראַן),
נון האָט זיך בבא געלייגט דאָרט נידער,
אין איין גרויסן פערד־באַרן (שייער, שטאַל).
און ווי ער הערט זיין געפאָטער בידער (דעם חשובן),
איז קומט ער שנעל פון דאָרט צו פאַרן (אַרויס).
און מיטביידע אָרעמס האָט ער אים אומפאַנגען
און זאָגט: „ליבער געפאָטער, וועגן וואָס איז דאָ
געגאַנגען?"

דאָ זאָגט אים סיניבאַלד ס'גאַנצע וועזן,
און פון זיין פאָטער די ליידיקן מערן (ליידן־בשורה),
דערנאָך גייט סיניבאַלד שנעל אויסלעזן (אויסצוקלייבן),
וואו ער וואוסט די אַלטע הערן,
וואָס זיינען שטענדיק גווידאָנען טריי געוועזן,
און זאָגט זיי, זיי דאַרפן געוואָרנט ווערן,
און זאָלן מיט אים פון דאַנעט ציען,
און מיט בבאן קיין סאַנסימאָן פליען.

דער פאַררעטער ריצאַרד געפינט זיך צווישן דעם דער־הרגעטן גווידאָנס געטרייע ריטער, וואָס פאַרלאָזן די שטאָט אין געהיים און ווילן זיך באַפעסטיקן אין דעם שלאָס סאַנ־סימאָן. סיניבאַלדס זון טיריץ דערשנאַפּט ווי ריצאַרד פאָרט פון סיניבאַלדס מחנה צו דאָדאָנס און גיט איבער דאָדאָנען סיניבאַלדס פלענער, און טיריץ דערהרגעט אים. אויפן וועג קיין סאַמסימאַן פאַלט בבא אַראָפּ פון פערד און דאָדאָנס מחנה נעמט אים געפאַנגען. דעם קאַמף קעגן סיניבאַלדן און זיינע פיר הונדערט ריטער פירט אָן דאָדאָנס ברודער, „דער

שטאַרקער אַלבאַריגן" פון פראַנצאַ. נאָך דריי יאָר קאַמף קומט דאָדאָן העלפן זיין ברודער. איין נאַכט כאַפּט זיך אויף דאָדאָן מיט אַ גרויס געשריי. ער גיט איבער זיין ברודער, אַז אים האָט זיך געחלומט: „ווי בבא וואָלט דאָ איבער מיר געריטן און האָט מיר מיין גאָרגל אָפּגעשניטן". דער ברו־דער עצהט אים, אַז בראַנדאַניע מוז „איר זון... געהיים דער־שלאָגען". בבא אַנטלויפט מיט דער הילף פון אַן איבערגע־געבענער דינסט, וואָס כאַפּט זיך, אַז מ'וויל בבאן פאַרסמען. ער דערשלאָגט זיך צום ים. סוחרים נעמען אים מיט. ער דערציילט זיי ניט דעם אמת ווער ער איז. זיי פאַרקויפן אים שפּעטער אַרמיניאָ'ן, דעם קעניג פון אַרמאַניע, וועמעס טאָכ־טער דרוזיאַנע פאַרליבט זיך אין דעם זייער שיינעם נייעם פערד־יונג בבאן. דרוזיאַנע שלאָפט ניט און עסט ניט פון גרויס ליבע צום פערד־יונג. זי פועלט ביים פאָ־טער, ער זאָל איר דערלויבן צוצוגרייטן אַ סעודה און דער פערד־יונג זאָל איר סערווירן. ביי דער סעודה קען זי ניט עסן. זי קען זיך קיין אָרט ניט געפינען, לאָזט זי פלוצים פאַלן איר מעסער אונטערן טיש. בבא קריכט אונטערן טיש אויפהייבן דאָס מעסער, און זי נאָך אים.

און אונטער דעם טיש, זי אים קושט (קישט),
גלייך ווי זי וואָלט נאָך דעם מעסער געגריפן,
און אַן אַנדערע שמועה זי דאָ אריין מישט:
„איי, ווי איז דאָס מעסער בייז געשליפן".
בבא טוט אַ הייב זיך אויף, און די באַקן ווישט,
ס'איז אים געוועזן, גלייך אַ גאַנדז וואָלט אים אָנגעפּיפן,
און באַלד האָט ער אַ לאָז געטאָן די אויגן אַרונטער
און געוואָרן נאָך רויטער ווי צונטער.

ער פאַרכטעט, עס האָבן עס געזען,
די לייט וואָס זיינען דערביי געזעסן,
און נאָכדעם ווי דאָס דאַזיקע איז געשען,
איז מען אַוועק פון די טישן, מ'האָט שוין אָפּגעגעסן,
פיל דאַנקען הייבן זיי אָן אלע צו יענען (זאָגן).

בבא, ער האָט עס אויך ניט געוואָלט פֿאַרגעסן,
איז ער אַוועק צו דרוזיאַנען, און געוואָלט אורלויב נעמען,
און קאָנט קוים רעדן פֿאַר גרויס שעמען (חרפּה).

און מאַכט: „גאָט בענטש אייך, איר אײדעלע ווייב (פּרוי)",
אָבער ער רעדט אָן שום ליסטן (כיטרעווען),
פֿאַרגיט מיר, וואָס איך ניט לענגער ביי אַייך בלייב,
איך מוז גיין די פֿערד צו מיסטן.
זי זאָגט: „גיי אַהין, דו ליבער לייב (געשטאַלט),
גאָט זאָל דיר דיין לעבן פֿריסטן (באַוואָרענען).
דו האָסט מיר גערינט, גאָט זאָל דיר עס פֿאַרגעלטן.
נון אַכט און זיי מיר ניט מער אַזוי זעלטן".

זיינע אויגן הייבט ער קוים אויף פֿאַר שאַנדן,
אין דער שטאָל מוז ער זיך שנעל איילן.
דרוזיאַנאַ, זי האָט נאָך אים גאָר אַנדן (געוויטיקט).
אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אַ גוטע ווײַלן (ווײַלע).
איז געקומען צו רייטן אַהין פֿון אַ פֿרעמדן לאַנדן (לאַנד)
איינער וואָס איז געזעסן פֿון אַרמאַניע אַ הונדערט מיילן.
ער הייסט מאַקאַבראָן, אַ ריטער אויס דער קאָרן
(אָן אויסדערוויילטער),
זיין פֿאָטער איז געווען אַ קעניג הויך געבאָרן.

דער דאָזיקער קעניג אַלזאָ ווערד (אַזוי ווערדיק),
ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדער ערבן (יורש),
מאַקאַבראָנס גלייכן איז ניט געווען אויף דער ערד,
נאָך דרוזיאַנען איז ער גרייט צו שטערבן (שטאַרבן).
ער איז געקומען צו רייטן מיט טויזנט פֿערד.
ער מיינט זי יאָ צו דערווערבן.
פֿיל געלט האָט ער געטאָן דערויף פֿאַרצערן.
דער קעניג האָט אים אָנגעטאָן גרויס ערן (כבוד).

אַ גרויסן זאָל לאָזט ער פּאַר אים ברעכן (בויען),
און לאָזט עס באַשלאָגן מיט גאָלדענע ראַצן (טעפּיכער).
דרינען זיינען געווען גרויסע סעודות און צעכן (משתות).
און צוואווייל רייטן זיי אויך זיך צו שלאָצן (שלאָנדערן).
דערנאָך האָט ער צוגעגרייט אים אַ שטעכן (אַ טורניר).
אין אַרמאָניעס מיט, אויפן פּלאַצן (פּלאַץ).
און ער לאָזט מאַכן גאָר ווייטער שראַנקן (געשטעלן),
און פּיל ברוקן מיט מאַנכע באַנקן.

ווען עס איז שוין געקומען די צייט,
אַז דער טאָג פון דעם שטעכן (טורניר) זאָל ווערן,
האָט מען געזען אַ גרויס געדרייט (קאַוואַלקאַדע)
פון אַ סך ריטער און גרויסע הערן.
עס קומען דאָרט פּיל לייט פון ווייט,
און פון געוויסע שטעט פון פערן (ווייטן),
און געוויסע הערלעכע באַרימטע שטעכער.
יעדערער איז געלאָפן צו די פענצטער און אויף די דעכער.

די שיינע דרוזיאַנע האָט אויך געוואָלט אָנקוקן דעם טורניר. איז זי געקומען, אויסגעפּוצט, „מיט מענכער איידעלן היפשן יונגפרויען". זי איז געשטאַנען אויפן באַל־קאָן, אויסגעהאַקט פון מירמל, און לעבן איר איז געשטאַנען איינער „אין וואַמש און הויזן", וואָס דאַרף בלאָזן אין האָרן ווי נאָר דרוזיאַנע וועט אים באַפעלן. און דעמלט מוזן די ריטער זיך אויפהערן שטעכן. און יענער ריטער, וואָס וועט ניט אויספירן דעם באַפעל, וועט מוזן באַצאָלן מיט זיין לעבן.

פונקט דעמלט איז בבא אַוועק אָנשניידן גראָז פאַר די פערד. ער רייט אַריין אין שטאָט און הערט אַ קריגעריש „יוכצן און שרייען". לאָזט ער זיך שנעל צום טורניר־פּלאַץ און זעט ווי מאַקאַבראָן באַזיגט אַלעמען און קיינער וואָגט זיך ניט צו שטעלן קעגן אים. ווען בבא האָט דאָס דערזען, האָט ער אָנגעהויבן צו לאַכן. בבא לאָזט זיך אַוועק צו די שטאַלן אָפּצולייגן דאָס גראָז. אַ שילד האָט ער שוין געהאַט. ער

האָט עס מיט גוואַלד צוגענומען ביי אַ יונג, וואָס איז אים געקומען אַנטקעגן. אָבער אַ שפּיז האָט ער ניט געקענט געפינען ביי זיך אין שטאַל. האָט ער הינטער דער טיר גע־פונען אַ שטאַנג: „עס איז געווען אַ לאַנגער, שווערער, די־קער ריגל; און ער איז געווען קרום און לאָם און שטעכיק ווי אַ איגל״ (יעזשיק). און אין איין כהרף עין איז ער שוין ביים טורניר־פּלאַץ.

„ווייכט אויס! ווייכט אויס! (מאַכט אַ וואַרע! מאַכט אַ
וואַרע!) הייבט ער אָן צו שפּרעכן (שרייען),
מאַקאַבראַן מוז זיך מיינער (קעגן מיר) ווערן.
פאַר אַלעמען וועל איך זיך היינט אָן אים רעכן
(אָפּרעכענען)״.
מיטן שטאַנג האָט ער זיך גענומען אַנטקעגן אים קערן.
מאַקאַבראַן האָט שנעל גענומען קעגן אים שטעכן.
אָבער בבא האָט עס אויסגעהאַלטן מיט גרויס ערן (כבוד).
ער טוט שטעכן מאַקאַבראַנען מיט זיין שטאַנגן,
אַז אים די זעל איז שיר ניט אַנטגאַנגען.

עס האָט ניט געהאָלפן וואָס מאַקאַבראַנס קנעכט האָבן אים אויפגעהויבן און צוריק אַוועקגעזעצט אויפן פערד, בעת דאָס פאָלק אַרום האָט פון אים געחוזקט. זיינע קנעכט האָבן זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט בבאן. איז ווי נאָר דרוזיאַנע האָט דערזען, אַז מאַקאַבראַנס קנעכט באַפאַלן בבאן, האָט זי שנעל באַפוילן, מע זאָל בלאָזן אין האָרן און, אַזוינאָך, אָפּ־שטעלן דאָס „שטעכן״.

נאָכן טורניר איז בבא אַוועק צו זיך, אַ מידער איז ער אַוועקגעפאַלן אויפן גראָז און איז איינגעשלאָפן. די פאַרליב־טע דרוזיאַנע קומט צו אים, וועקט אים אויף און ווייזט אַרויס איר ליבע צו אים אָן שום שעמען זיך. בשעת אָבער דרוזיאַנע האָט פאַרבראַכט מיטן „פערד־יונג״ בבאן איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס:

ווייל ס'איז געווען אַ ווייל ווען דער סולטאַן
מיט זיינעם זון איז צו רייטן געקומען.
און צען טויזנט שטאַרקע מאַן
האָט ער מיט אים גענומען.
דער טורעם־וועכטער האָט געבלאָזן אָן,
און מע האָט עס באַלד אין שטאָט פאַרנומען.
דעם קעניג האָט עס אָנגעהויבן שטאַרק צו שרעקן.
ער איז אַרויף אויפן מויער מיט אַל זיין רעקן (העלדן).

און פרעגט דעם סולטאַן וואָס ער באַגערט,
אָדער וואָס וואָלט אים געווען עבן (צופרידנגעשטעלט).
זאָגט ער: „מיין זון איז דיין טאָכטער ווערט,
איך וויל, אַז דו זאָלסט אים זי געבן,
אָדער איך וועל זי נעמען מיטן שווערד,
אַ'ניט מוז עס אייך קאָסטן דאָס לעבן.
דו האָסט זי אים צוגעזאָגט, דו מוזסט עס האַלטן.
דערפאַר גיב אים זי מיט גוטן און לאָז גאָט וואַלטן".

דער סולטאַנס זון, לוציפער, דער העסלעכסטער צווישן מענער, „איז געווען פונקט אזוי ווי די טייוול־געשטאַלט". און דער קעניג פון אַרמאָניע, דרוזיאַנעס פאָטער, זאָגט זיך אָפּ אים צו געבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. ער קלייבט צונויף 12 טויזנט העלדן, וויניקער ווי „אין אַ קליין ווילע", און איילט זיך, צוזאַמען מיט מאַקאַבראָנען, „אַרויס צום טויער". אין אַ בלוטיקער שלאַכט פאַרלירן ביידע צדדים אַ סך גיבורים. אין אַ האַנט־צו־האַנט קאַמף פאַנגט לוציפער מאַקאַבראָגען, און גלייך נאָך מאַקאַבראָנען אויך דעם קעניג. ווען בבא האָט דערהערט די שלעכטע נייעס, איז ער גלייך אַוועק אין שלאַכט. דרוזיאַנע „באַפאַנצערט אים ביז אין די ציין מיט די אויסדערווילטסטע וואָפן". זיי האָבן געהערט צו איר ברודער, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין מורן־לאַנד. „זי גיט אים אַ שווערד, וואָס הייסט פומעלע, און שענקט אים אַ פערד, וואָס הייסט רונדעלע". פומעלע איז געווען „פון אַלע

שווערדן דער אויסדערוויילטער", און רונדעלע איז געווען אַ פּאַרכישופט־פערד. און איידער ער לאָזט זיך אין שלאַכט קריגט דרוזיאַנע ביי אים אַרויס דעם סוד פון וואַנעט ער שטאַמט. בעת זיי קושן זיך ביים געזעגענען זיך, קומט אָן דעם קעניגס פעטער גראַף אוגלין. ער וואַרפט איר פּאַר — אין אַזאַ צייט קושט זי זיך גאַר מיט אַ יונגאַטש. בבאן פּאַרדריסט עס און ער ברעכט אים אָן די ביינער. נאָכדעם לאָזט ער זיך אין שלאַכט. ער מאַכט אַ חורבן אין דעם שונאס לאַגער. ער באַפאַלט לוציפערן, שטעכט אים, און לוציפער —

אין דעם זאָטל קאָן ער ניט בלייבן,
עס וואָלט אים גלייך אַנטגיין די זעלן (זעל),
די לאַנץ (דער שפּיז) האָט ביי אים געשטעקט אין לייבן (לייב)

מער ווי דריי פּערטל איילן (אייל).
ווי די היידן (געצנדינער) טוען אַ יאָמער טרייבן,
אַז ס'איז ניט צו זאָגן און ניט צו דערציילן.
„צעטער וואָפן" (אוי וויי), שרייען זיי אַלן (אַלע),
ווען זיי האָבן אים געזען פונעם העלפאַנט פאַלן.

בבאס פאַלק (לייט) האָט ניט געוואָלט זיין פאַרצאָגן (הינטערשטעליק),
זיי פאָלגן אים נאָך אַלע זאַמען (צוזאַמען),
די היידן טוען זיי נאָכיאָגן,
אַז גלייך שלאָגן ארויס די פלאַמען,
האָבן זיי מיט קרעפטן זיי געשלאָגן,
און האַקן זיי גאַר טיפע שראַמען.
און אַלע היידן, וואָס מען נאָר געפינט
שלאָגן זיי (דרינגען אריין) אין זיי ווי אין די הינט.

דער סולטאַן, ער ז'ניט געווען אין פעלד.
אין שטרייט איז ער ניט אַרויסגעריטן.
ער היט די געפאַנגענע אין זיין געצעלט,
פון זיי איז ער ניט אַוועק קיין טריטן (טראַט).

פון די געפאַנגענע ז׳געווען אַ גאַנצע וועלט,
דער קעניג איז געזעסן אין דער מיטן,
זיי זיינען געווען געבונדן, זיי קאָנען זיך ניט רירן,
דער סולטאַן איז געזעסן גלייך אונטער די טירן (דער טיר).

מע זאָגט אָן דעם סולטאַן די שלעכטע בשורה וועגן זיין זונס טויט, און גלייך נאָכדעם קומט אָן בבא מיט זיינע גיבורים און באַפרייט אַלעמען. דעם סולטאַן געלינגט צו אַנטלויפן אויף אַ שיף. ווען דער קעניג קערט זיך אום צו זיך אין שטאָט אַ באַפרייטער, דערציילט אים דרוזיאַנע, אַז זי האָט צוגעזאָגט בבאן חתונה צו האָבן מיט אים, אויב ער וועט באַפרייען איר פאָטער. דער קעניג איז צופרידן מיטן שידוך. אָבער דאָ מישט זיך אַריין אוגלין, וועמען בבא האָט צעממיתט. ער פאַרפירט אינטריגעס קעגן בבאן. און ווען ער זעט, אַז ער קען גאָרניט פועלן ביים קיניג אַרמיניאָ, פאַרטראַכט ער אַ פּלאַן ווי ער זאָל אומברענגען בבאן מיט דער הילף פון זיינע געזעלן. די געזעלן האָבן אָבער מורא געהאַט, טאָמער וועט זיי ניט געלינגען צו דערהרגענען בבאן, דעמלט וועט ער זיך מיט זיי אָפּרעכענען. האָט איינער, „אַן אַלטער רשע״, צווישן זיי, צוגעטראַכט, אַז אוגלין זאָל זיך פאַרשטעלן פאַרן קעניג און זיך לייגן אין בעט כּלומרשט קראַנק. ער וועט „זיך פאַרבינדן אונטער די אויגן״, בבא זאָל אים ניט דערקענען. ער וועט אָפּשיקן בבא מיט אַ געהיימען בריוו צום סולטאַן, און וועט פאַרזאָגן בבאן, אַז קיינער טאָר וועגן דעם ניט וויסן, אַפילו ניט דרוזיאַנע. אין דעם בריוו צום סולטאַן איז געשטאַנען, אַז ער, דער סולטאַן, קען טאָן מיט בבאן, וואָס נאָר זיין האַרץ גלוסט. בבא לאָזט זיך אין וועג אַריין, מיידט אויס אַ סך שטעט, כדי וואָס שנעלער דורכצופירן זיין שליחות. אָבער הונגער און דאָרשט האָבן אים אָנגעהויבן צו מאַטערן, און דאָ האָט ער אויף אַ גרויס פעלד אָנגעטראָפן אַ בעטלער וואָס האָט אים געגעבן עסן און טרינקען. דערביי האָט ער דעם דאָרשטיקן בבאן געגעבן אַ שלאָף־געטראַנק. ווען דער מידער בבא איז איינגעזונקען אין

טיפן שלאָף, האָט דער בעטלער צוגענומען בבאס שווערד, זיין פערד און רינג. ווען בבא האָט זיך אויפגעכאַפּט נאָכן אָפּשלאָפן 24 שעה, האָט ער זיך ערשט געכאַפּט, וואָס דאָ איז אַלץ פּאַרגעקומען. ער האָט קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט ווי זיך צו לאָזן אין וועג צופוס. ער האָט געוואַנדערט דורך „בראַבאַנט (באַראַבאַנד) און באַרגאַניע (בורגונדיע) ביז ער איז געקומען ביז קיין באַבילאַניע”.

ווען ער איז דערשינען פאַרן סולטאַן מיטן בריוו, האָט אים דער סולטאַן דערקענט און האָט געהייסן אים אויפהענגען. פירט מען אים צום „גאַלגאַן”. אויפן וועג האָט אים געטראָפן דעם סולטאַנס טאָכטער מאַרגאַריטע, וואָס פאַרליבט זיך אין אים. זי ראַטעוועט אים פון דער תליה דורך איינרעדן דעם פאָטער: וואָס האָט בבא געקענט טאָן בעת ער האָט זיך געמוזט ווערן קעגן איר ברודער לוציפערן? זי האָט אים אויך צוגעזאָגט, זי וועט צורעדן בבאן, ער זאָל ווערן אַ הייד. דערווייל איז בבא געלעגן אין אַ תפיסה־גרוב געפאַנגען, וואו מאַרגאַריטע און שפּעטער איר געטרייער קנעכט פלעגן אים ברענגען עסן און טרינקען. ווען די געשטעלטע צייט איז אַריבער און בבא האָט ניט געוואָלט אָננעמען דאָס מאַכמעדאַנישע גלויבן, האָט מען געשיקט 20 מענטשן, אים אַרויסצושלעפּן פון גרוב און אים אויפהענגען. אָבער בבא האָט געהאַט ביי זיך אַ פאַרזשאַווערטע שווערד, וואָס ער האָט מיט אַ צייט פריער געפונען איינגעגראָבן „אין אַ גרויסן הויפן ערד”. — מיט דער שווערד האָט ער זיך באַפרייט. אויפן וועג דערהרגעט ער אָבריאַנען, וועמען דער סולטאַן האָט אַרויסגעשיקט מיט זיינע מענטשן צו כאַפּן בבאַן. בבא דערשלאָגט זיך צום ים און כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ שיף.

ווען בבא האָט זיך אין געהיים אַוועקגעלאָזט אויף דער אומגליקלעכער נסיעה צום סולטאַן, האָט דרוזיאַנע געפילט, אַז דאָ איז געשען אַן אומגליק מיט בבאַן.

דעם זעלבן מאָרגן, ווי מען זעצט זיך צום טיש,
איז נאָך בבא ניט געווען אויפגעשטאַנען,

דרוזיאַנע, זי האָט אַרויסגעלאָזן אַ היש (אַ זיפץ),
דאָס אומגליק האָט זי געטאָן אַנען,
זי מאַכט: „ער איז אפשר ניט פריש (ניט מיט אַלעמען).
זיי האָבן איר געזאָגט: ער איז ניט פאַראַנען".
איר פאָטער זאָגט: „איך וויל דיר זאָגן,
איך האַלט ער איז אויסגעריטן יאָגן (אויף יאַגד)".

אַזוי איז אַוועק דער זעלביקער טאָג,
אַז בבא איז נאָך אַלץ ניט צום עסן געקומען.
גאָר זייער אין האַרצן דרוזיאַנע עס טראָג(ט),
אין הויז טוט זי אַרומגיין און ברומען.
זי האָט געפרעגט ביי יעדערן מיט גרויסן קלאָג,
צי זיי האָבן גאָרניט פאַרנומען.
איר קיינער ווייס ניט דערפון צו זאָגן.
זי קען קוים וואַרטן ביז ס'הייבט אָן צו טאָגן.

איז זי געקומען פאַר איר פאָטער צו שטיין,
און זאָגט: „ליבער פאָטער, העלף מיר דיכטן (צוטראַכטן).
מיט בבא קען עס ניט גלייך צוגיין,
איך פאָרכט, מע האָט אים געטאָן היגריכטן.
דערפאַר, ליבער פאָטער, שווייג ניט מיין.
איר זאָלט עס ניט אַזוי גאַנץ פאַרניכטן (אָפּפאַטערן),
א געשריי זאָלט איר לאָזן טאָן מיט טרומעטן (טרומייטן)
אויב אים לייט ערגעץ געזען העטן (האָבן)".

דער קעניג שפּראַך: „איך פאָרכט מיר פאַסט (שטאַרק),
מע האָט אים ערגעץ זיין לעבן גענומען.
איך וויל ניט האָבן קיין רו און קיין ראַסט,
כ'וויל וויסן וואו ער איז אהינגעקומען.
אין מיין האַרצן איז עס מיר אַ לאַסט,
מיך פאַרדריסט דעם דעגן (ריטער) אַלזאָ פרומען
(אַזאַ חשובן)".

דרום, ליבע טאָכטער, האָסטו מיין דערלאַבן (דערלויבעניש), גיי, לאָז טאָן אַ געשריי ווי דו עס ווילסט האָבן.

איז ווי מע האָט געלאָזט וויסן „אויף די פּלאַצן און אין אַלע גאַסן", אַז דער, וואָס וועט צושטעלן נייעס וועגן בבאַן, וועט קריגן אַ באַלוינונג פון טויזנט גולדן, האָט זיך באַוויזן אוגלינס אַ קנעכט און האָט איבערגעגעבן וועגן אוגלינס אינטריגע „פון אַלף ביז תיו". מע האָט אַלע פאַרשווערער געכאַפּט און אויפגעהאַנגען. אוגלינען האָט מען ווי אַ שרץ צעפערטלט. אָבער פּינקטלעך וואָס איז געשען מיט בבאַן אין דעם סולטאַנס געפאַנגשאַפט, האָט דרוזיאַנע נאָך אַלץ ניט געוואוסט. נאָך אַ קורצער צייט, רעדט איר דער פאָטער איין, אַז זי דאַרף פאַרגעסן אין בבאַן, „ווילסטו דען דיין טאָג פאַרזיצן"? ער שלאָגט איר פאָר, זי זאָל חתונה האָבן מיט מאַקאַבראַנען. די אומגליקלעכע דרוזיאַנע בעט זיך אָפּ ביי איר פאָטער: „אָבער איך בעט אייך, איר זאָלט וואַרטן אַ יאָר. ווער ווייס וואָס קען דאָ געשען. און קומט ער (ד. ה. בבא) דערווייל ניט קיין פלאַנדערן, וועל איך נעמען מאַקאַבראַנען ליבערשט ווי אַן אַנדערן". ווען דאָס יאָר איז אַריבער, האָט מאַקאַבראַנען געבראַכט דרוזיאַנען אין זיין לאַנד, און מע האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער חתונה.

בבא איז דערווייל מיטן ים געקומען צו אַ ברעג.

נו איז בבא געפאָרן מיט דער שיף גאָר ווייט,
אונטערווייַלן מיט ווינט און מיט רעגן,
און מיט גרויסער פאָרטונאַ (געוויטער) און בייזער צייט
אַ גאַנצן מאָנאַט אויף דעם ים געלעגן.
און ס'איז געקומען, אַז זיי האָבן געזען פון ווייט,
אַ שיינע שטאָט איז זיי געשטאַנען אַנטקעגן,
פון וויטן זעען זיי די שיינע טירן,
בבא האָט געהייסן זיך אַהין שנעל צו פירן.

זיי הייבן שנעל אָן צו פאָרן דאַר (אַהין)
און קיין רודער טוען זיי ניט שפּאָרן,
זיי קומען דאָרט, וואו אַ פישער וואַר (איז געווען),
ער פישט מיט זיינעם גארן (נעץ).
אַזוי באַלד ווי בבא ווערט פון אים געוואר,
רופט ער אים צו, און ער (יענער) קומט צו פארן.
בבא הייסט זיך אין זיין (יענעמס) שיפל אַרונטערלאָזן.
און די אַנדערע מיטן שיף הייסט ער פארן אויף זייער שטראָזן.

בבא מאַכט צום פישער: „נו זאָג מיר אָן,
וועמעס איז די שטאָט וואָס ליגט דאָ פון פערן (וויטן)?"
דער פישער זאָגט: „איך אייך וואויל זאָגן קאָן,
אַז זי געהערט צו אַ קאָסטלעכן (חשובן) הערן,
מאַקאַבראָן הייסט דער איידעלער מאַן,
זיין חתונה דאַרף איצט ווערן.
אין דער שטאָט פירט מען אַ קאָסטלעך לעבן.
קעניג אַרמיניאָ האָט אים זיין טאָכטער געגעבן.

דרוזיאַנע הייסט די זעלביקע יונגפרוי צאַרט,
מע זאָגט, אירס גלייכן איז קיינמאָל ניט געבאָרן,
און בבאָן, דעם שטאָלצן דעגן (ריטער) פון הויכער אַרט,
דעם זעלביקן האָט זי איר האַרץ געשוואָרן.
אַ גאַנצן יאָר האָט זי אויף אים געוואַרט,
אָבער ער איז געבליבן פאַרלאָרן.
און ווייל ער האָט איר יאָ ניט געקענט ווערן,
נעמט זי מאַקאַבראָנען, אָבער גאָר אומגערן".

די דאָזיקע בשורה האָט בבאָן זייער געפרייט. ער קומט אַריין אין שטאָט און ער שלאָגט זיך אָן אויפן בעטלער, וואָס האָט אים באַגנבעט. דער בעטלער בעט זיך אָפּ ביי בבאָן, ער זאָל אים ניט דערהרגענען, ער גיט אים דערפאַר אָפּ די שווערד רונדעלע און דאָס פערד. ער גיט אים אויך צוויי פלעשלעך: אין איינעם איז דאָ אַ שלאָפגעטראַנק, און

אין צווייטן — אַ פּולווער, וואָס „איינער דערמיט זיך זאַלבט אונטער די אויגן, ווערט ער גאַנץ פאַרפאַלבט". בבא טוט זיך אָן אין דעם בעטלערס קליידער, פאַרענדערט דאָס פּנים און דערשלאָגט זיך צו דרוזיאַנען. אין דער נאַכט פון דער חתונה שלעפערט זי איין מאַקאַבראַנען מיט בבאס שלאָפגעטראַנק און בבא מיט דרוזיאַנען אַנטלויפן.

נאָכדעם ווי מאַקאַבראַן האָט זיך אויף מאָרגן געכאַפּט, ווי גרויס זיין אומגליק איז, האָט אים זיין פאָטער געעצהט צו באַפרייען דעם צום טויט פאַרמשפטן האַלב־מענטש און האַלב־הונט פעלוקאַנען, און אים אַרויסשיקן צו כאַפּן די אַנטלאָפענע.

פעלוקאַן דעריאָגט זיי טאַקע. און עס קומט פאַר אַ מאוימדיקע שלאַכט צווישן פעלוקאַנען און בבאן. זיי ווערן ביידע ניצול מחמת דרוזיאַנע מאַכט שלום צווישן זיי, און זיי ווערן פון איצט אָן געטרייע פריינט. זיי געפינען שוץ ביים קעניג אַריאָן.

די קעניגין איז דרוזיאַנעס אַ קרובה. מאַקאַבראַן פאַרפירט אַ קאַמף מיטן קעניג אַריאָן און פאָדערט פון אים, ער זאָל אים אַרויסגעבן די אַנטרונענע. אַריאָן זאָגט זיך אָפּ דאָס צו טאָן. אין אַן אָפענער שלאַכט אָבער פאַלט אַריאָן אַריין אין מאַקאַבראַנס הענט. אַריאָן לאָזט זיך איבעררעדן. ער זאָגט צו מאַקאַבראַנען צו דערהרגענען פעלוקאַנען און בבאן, און אים אַרויסגעבן דרוזיאַנען. פעלוקאַן דערוויסט זיך וועגן דער פאַרשווערונג און ער דערהרגעט אַריאָנען. אַלע דריי ראַטעווען זיך דורך אַ הייל צוזאַמען מיטן וואונדער־פערד רונדעלען. זיי האָבן אָפּגעריטן 40 מייל, פּלוצים האָט דרוזיאַנע זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן, אַז זי האָט געבורט־ווייען. זי געבערט אַ צווילינג. אין גיכן כאַפּן זיי זיך, אַז זיי האָבן גאָרניט פאַר דער קימפעטאָרין. פעלוקאַן גייט אַוועק אין וואַלד זען וואָס ער קען געפינען. ער שלאָגט זיך אָן אויף אַ מאָנאַסטיר און ליידיקט דאָרטן אויס וואָס ער קען.

איין מאָל לאָזט זיך בבא אַוועק צו זען צי ער קען גע־

פינען אַ שיף, וואָס זאָל אים ברענגען אַהיים קיין לאַמפּאַרטן. ווען ער קומט צוריק, געפינט ער, אַז פּעלוקאַן איז אומגעקומען אין אַ קאַמף מיט לייבן. גלויבט ער, אַז אויך דרוזיאַנע און די קינדער זענען צעריסן געוואָרן פון די לייבן. דרוזיאַנע האָט זיך מיט די קינדער געראַטעוועט נאָכן קאַמף צווישן פּעלוקאַנען און די לייבן. דרוזיאַנע גלויבט, ווידער, אַז בבא איז צעריסן געוואָרן פון די זעלביקע לייבן. זי דערשלאָגט זיך אַהיים צו איר פֿאָטער קיין אַרמאַניע.

אויף זיינע וואַנדערונגען טרעפט זיך בבא אָן אויף טיריצן. טיריץ דינגט זעלנער פאַרן קאַמף, וואָס מע פירט נאָך אַלץ מיט דאָדאָנען. בבא זאָגט, אַז ער הייסט אַגוסטין און אַ ניט־דערקענטער לאָזט ער זיך אַוועק מיט טיריצן קיין סאַנסימאָן. עס נעמט אַ צייט און מע דערקענט אים דורך דעם, וואָס סיני־באַלדס פרוי הייסט טיריצן אים נעמען אין באָד און זען צי ער האָט „אַ פלעקל אונטן אויף דער ליטקע" און „צוויי וואָרצלען אויף דעם אַקסל".

אין דער מלחמה קעגן דאָדאָנען הרגעט בבא דאָדאָנס ברודער, „דעם שטאַרקן אַלבאַריגן", און ער פאַרוואונדיקט דאָדאָנען. ער טוט זיך איבער פאַר אַ רופא, און מיט טיריצן ווי זיין קנעכט, קומט ער אַריין קיין אַנטאָנע, וואו ער ווערט איינגעלאָדן דורך דער קיניגין צו היילן דאָדאָנען. ער דערהרגעט אים, און זיין אייגענע מוטער פאַרשיקט ער אין אַ קלויסטער.

דערווייל קריגט ער אַ בריוו פון דעם סולטאַנס טאָכטער מאַרגאַריטען, אַז פאַסאַמאַנט וויל זי מיט געוואַלד צווינגען מיט אים חתונה צו האָבן, און אַז איר פֿאָטער איז טויט און ביטאָ ווער זאָל זיך אָננעמען פאַר איר. בבא פאָרט צו מאַרגאַריטען, ראַטעוועט זי פון פאַסאַמאַנטס הענט און איז גרייט צו חתונה האָבן מיט איר. דערהערט ער אָבער איינמאָל אַ ליד וועגן בבאן און דרוזיאַנען, וואָס די פאַרשטעלטע דרוזיאַנע זינגט אונטערן פענצטער, כדי צוריק צו געווינען בבאן. דאָס קומט אַלץ פאַר ווען מע גרייט זיך שוין צו דער חתונה.

אויף מאָרגן לאָזט בבא אויסרופן אַ האָף (מע זאָל זיך
פאַרזאַמלען אין הויף),
אי פרעמדע, אי היימישע לאָזט ער וויסן,
קעניג און פירשט, הערצאָג און גראַף (גראַף) —
צו דער דאָזיקער צייט זאָלן זיי זיין געפליסן (גרייט),
און די ברוילאַפט (חתונה) זאָל ווערן במזל טוב
אָצונדער, גלייך צו ראש חודש ניסן.
די שליחים אין אַלע לענדער רייטן,
און אין באַבילאָניע וואַר אַ גרויס צובערייטן (צוגרייטונג).

טאָג נאָך נאַכט האָט קיין מענטש ניט קיין רו
פאַר גרויסע פריידן און גלאָקן־קלינגען.
נו, לאָזן מיר זיי, וואָס גרייטן זיך צו,
און וועלן אַ ווייל פון דרוזיאַנע זינגען.
זי ז׳געווען ביי איר פאָטער, איר וויסט וואויל וואו,
און געהערט זאָגן פון אַלע דינגען,
ווי בבא ז׳אַזוי צו כבוד געקומען,
און ווי די שיין־מאַרגאַריטע האָט אים גענומען.

און ווען די האָכצייט דאַרף ווערן שיר
און פיל לייט דאָרט קומען פון וייטן,
דרוזיאַנע פרייט זיך און טראַכט זיך אין איר:
„דאָ איז ניט לענגער צו בייטן (וואַרטן),
איך וועל אים קומען ווי ער צו מיר,
צו ברוכים היושבים, צו רעכטער צייטן.
אָבער מיין פאָטער זאָל עס ניט אויסגעפינען,
ער לאָזט מיך זיסט ניט פון הינען (דאַנען)".

נון, האָט זי דערווייל געלערנט וואָל (וואויל),
אַז זי קען אויף דער לירע שלאָגן (שפּילן),
און בבא, ער האָט זי געלערנט אַמאָל,
אַז זי פון דעם פולווער געוואוסט האָט צו זאגן,
וואָס מיט אים מאַכט מען זיך שוואַרץ ווי קאָל (קויל).

און שמירט זיך און די קינדער אונטער די אגן (אויגן)
און רעכט ווי אַ בעטלערין טוט זי זיך קליידן,
און לאָזט זיך אַהין מיט די קינדער די ביידן.

זי שטייט דאַן אויף אַ שעה פאַרטאג
און איר לייער (לירע) האָט זי ביי איר זייט,
זי גייט ביז מידקייט, אַז זי אָפּט דאר לאג (האָט זיך צוגעלייגט),
זי איז באַלד דערגאַנגען אין אַ קורצער צייט,
דאָך ניט אַזוי באַלד ווי איך דאָ זאג.
באַבילאָניע זעט זי פון דער ווייט,
זי הייבט אָן און זאָגט אירע קינדן (קינדער),
אין דער שטאָט וועט איר אייער פאָטער פינדן (געפינען).

אַזוי גייט זי אין דער שטאָט אריין,
אַ גרויס ווירטהויז וואָס זי זיך רעמען (האָט זי זיך געזוכט).
זי פרעגט צי ער זי וועט נעמען איין.
דער ווירט פרעגט פון וואַנען זי קעמען (זיי קומען).
זאָגט זי: „איך וויל אויף דער האָכצייט זיין,
אויב איך אַ פעניג קען איינגעמען.
מיט מיין לירע וועל איך דאָ אומווינדן
און וועל דעריין זינגען מיט מיינע קינדן (קינדער)".

דער ווירט זאָגט: „דו האָסט גאָר רעכט,
געלט גענוג וועסט דיר געווינען".
ער הייסט, מע זאָל איר צו עסן ברעכט (ברענגען),
זי מוז אונדז אויף לייערן (שפילן אויף דער לירע) הינען.
אויף אַ קאַמער וויזט איר דער קנעכט,
איז עסט זי און טרינקט דערינען.
און דערנאָך מוז זי די גאַנץ נאַכט לייערן
און אַ טאַנץ מאַכן דעם זעלבן געשווייערן (מחותנים).

צו מאָרגנס שטעלט זי זיך פארן פאַלאַץ דאר (דאָרטן)
און הייבט אָן אויף איר לירע צו קלינגען,

און אַ ליד האָט זי געמאַכט גאַנץ און גאר
פון בבאן און דרוזיאַנען טוט זי דאָרט זינגען,
און ווי זי אין אַ וואַלד געלעגן וואר (איז געלעגן געוואָרן),
און פון מאַקאַבראַן און פעלוקאַן מיט אַלע דינגען,
און ווי אַזוי זיי מיטאַנאַנדערן האָבן געהאַנדלט,
ווען זיי האָבן אין לאַנד ארומגעוואַנדלט.

און ווי זי זינגט דאָס ליד גאָר אויס,
איז בבא געלעגן ביי אַ פענצטער דערנעבן
און שווייגט שטיל ווי אַ מויז
און הערט זיך צו גאָר עבן,
און זאָגט זיינע קנעכט: „פירט זי ארויף אין הויז,
עסן און טרינקען זאָלט איר איר געבן,
איך וויל זי פרעגן פון וואַן ז'איז געקומען
און וואו זי די דאָזיקע מער (מעשה) האָט גענומען".

דרוזיאַנע, זי לויפט פון דאַן גאָר פריש (שנעל),
זי זאָגט: „ער דאַרף מיר גאָרניט שענקען".
בבא לאָזט ארויס אַ גרויסן היש (זיפץ),
און הייבט זיך ערשט רעכט צו באַדענקען:
„דרוזיאַנע, זי איז אפשר נאָך געזונט און פריש, —
דאָס הער איך פון די דאָזיקע שווענקען (מעשות)".
די קנעכט הייבט ער אָן צו שעלטן און פלוכן,
זיי זאָלן גיין די בעטלערין זוכן.

די קנעכט, זיי לויפן פון דעם זאַל,
פיל געשווינדער ווי די הינדן,
זיי פרעגן אָן נאָך דער בעטלערין איבעראַל,
זיי קאָנען זי אין ערגעץ ניט פינדן (געפינען).
דערנאָך זוכן זיי אין שפּיטאָל,
צווישן די לאָמע און צווישן די בלינדן.
קיינער ווייסט ניט פון איר צו זאָגן,
ווייל אין דעם ווירטס הויז האָט זי זיך באַלד פאַרשלאָגן.

די קנעכט, די קערן זיך ווידער אום,
און זיי זאָגן עס בבאן, זייער הערן
ווי זיי זיינען געווען אומעטום
און האָבן ניט געקענט זי אָנזיכט ווערן (דערבליקן).
בבא האָט גרויסן אומעט דערום.
אויף זיינעם האַרצן הייבט עס אים צו שווערן.
די דאָזיקע רייד קען ער ניט פאַרגעסן.
מע זעצט זיך צום טיש, אָבער ער קען ניט עסן.

נו, קומט דרוזיאַנע אינעם הויז
און נעמט פאַר זיך אירע צוויי יונגען,
און פוצט זיי אין וואַמש און הויזן אויס,
מיט גאָלדענע פעדים געשלונגען (אויסגעניים),
און באַרשט זיי גוט איבער, זיי האָבן קיין לויז,
זייער האָר איז ווי גאָלד געדרונגען.
און טוט זיי אָן אין זיידענע רעקלעך:
זיי גייען אַריין ווי צוויי היפשע טעקלעך (ליאַלקעס).

זי זאָגט, זיי זאָלן ניט זוימען זיך מיין,
ביז זיי די טרעפּ פון פּאַלאַץ אויפשטייגן,
און אריין אין זאַל זאָלן זיי גיין,
און בעטן, מע זאָל זיי דעם חתן צייגן (פאָרשטעלן
פאַרן חתן).
און גאָר זויבערלעך זאָלן זיי פאַר אים שטיין,
און זאָלן זיך קעגן אים נייגן.
און ווען ער׳ט זיי פרעגן, ווער זיי זענען,
זאָלן זיי זאָגן: „מיר זיך זעלבסט ניט קענען".

„פון וואָלפס געשלעכט, דאָס זיינען מיר.
אונדזער פאָטער האָבן מיר ני (קיינמאָל ניט) געזען.
מיר ווייסן ניט, צי אים האָבן צעריסן די טיר (חיות),
אָדער ווי אים אַנדערש איז געשען.

אונדזער מוטער, זי זיצט דאָרט ביי דעם ביר
און צו אונדז האָט זי אַזוי גע׳יעז (געזאָגט):
„דאָס דאָזיק פינגערל זאָלן מיר אײַך שענקען.
אין דערוואַרטן, אַז איר פון איר זאָלט געדענקען".

זיי נעמען דאָס פינגערל און גייען דאַהין,
אויף דעם פּאַלאַץ ווייזט מען זיי פון פערן (ווייטן),
זיי גייען צו בבאַן און גריסן אין (אים),
און נייגן זיך קעגן דעם הערן (האַר).
בבא, ער נעמט זיי אָן אונטער דעם קין,
און פרעגט זיי, ווער זיי דאָך ווערן (זיינען).
ער זאָגט: „איר זייט צוויי פיינע קנאבן (ייִנגלעך),
פון וואַנעט קומט איר אַהער צוטראבן (צוגיין).

און אייער פאָטער און מוטער, ווער זיין זי (זיי),
דאָס זאָלט איר מיך דאָך לאָזן וויסן".
זיי זאָגן: „אונדזער פאָטער האָבן מיר געזעען ני (קיינמאָל),
די ווילדע חיות האָבן אים צעריסן.
און אונדזער מוטער, זי איז אַצונד הי,
און גייט צעהאָדערט און צעריסן,
און איז פיל שוואַרצער ווי די קוילן,
און זאָגט, איר זאלט אייך זי לאָזן באפוילן
(לאָזן זיך באַגריסן).

און נאָך מיין האָט זי אונדז געזאגט,
מיר זאָלן אייך דאָס פינגערל שענקען,
אַז איר עס פון אירטוועגן טראגט
און אַז איר זאָלט אין איר געדענקען".
בבא, דער דעגן אומפאַרצאַגט (דער פלינקער ריטער),
דערמאָנט זיך דאָס פינגערל אויף זיינע געלענקען,
און זאָגט: „איך האָב עס, ביי מיין לעבן,
דרוזיאַנען פאַר אַ העמד־רינג געגעבן.

און עס איז ווערט אַ גאַנצן לאַנד,
זאָל איך עס ערשט ניט קענען?"
די צוויי יונגען נעמט ער ביי דער האַנט,
און זאָגט: „מיט מיר זאָלט איר רענען (לויפן),
און ווייזט מיר די וואָס'ט אײַך אַהער געזאַנט (געשיקט),
איך וויל זי פרעגן ווי זי טוט זיך נענען" (רופן).
די צוויי יונגען זיינען וואויל צו פרייזן (לויבן),
זיי זאָגן: „מיר ווערן אײַך זי גערן ווייזן".

בבא, ער גייט די יונגן נאָך,
מיט פיל קנעכט און מיט פיל הערן,
די יונגען, זיי איילן צו דער מוטער גאָך (גיך)
און ווען זיי קומען צו דער טאַווערן,
זאָגט בבא: „ווייזט מיר זי דאָך".
איז שטייט זי קעגן אים פון פערן (ווייטן),
און וויבאַלד ווי זי דערזעט זיין גוט געשטאַלטן,
דאָ קען זי זיך ניט מיין איינהאַלטן.

און גאָר־גאָר שנעל לויפט זי צו אים פאָר,
מיט גרויסער פריידן און מיט שאַלן,
זי זאָגט: „איך וויל מיך עס ניט שעמען אום דאָס גאָר".
זי קושט אים פאַר זיי אַלן (אַלע),
בבא דערזעט — ס'איז דרוזיאַנע, פאַרוואָר,
אין אוממאַכט ווילט זיך אים פאַלן.
ער זאָגט: „כ'האָב געמיינט, דו ביסט געשטאָרבן,
דאָ האָב איך דיך, מיט גאָטס הילף, ווידער דערוואָרבן".

מאַרגאַריטע האָט חתונה מיט טיריצן און בבא קערט זיך אום אַהיים מיט דרוזיאַנען און די צוויי זין. ווען סיניבאַלד נעמט אים אויף, דערציילט אים בבא וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן מיט אים און מיט טיריצן:

ווי אים ווייב און קינד קומען ווער (זיינען געקומען)
און ווי ער טיריצן מאַרגאַריטען האָט געגעבן,
און ווי ער איז געוואָרן אַ גרויסער הער,
און ווי ער האָט אַזאַ קאָסטלעך (הערלעך) לעבן.
סיניבאַלד, ער זאָגט: „דאָס איז גוטע מער (בשורות),
אין מיין עלטער איז עס מיר עבן" (צוגעטראָפּן).
אַזוי גיט ער בבאן זיין לאַנד ווידער
און בבא זעצט זיך אין אַנטאָנע נידער.

און מיט דרוזיאַנען פאַרטרייבט ער זיין צייט,
ער ווייס ניט וואָס ער מיט איר זאָל טרייבן.
ער געווינט אַ לאַנד, וואָס איז ברייט און ווייט,
פילע האַרן טוט ער פאַרטרייבן.
די דאָזיקע געשלעג און שטרייט —
דאָס קען איך ניט אַלץ שרייבן.
זיין שווער מוז ער צו הילף אויך קומען,
ווען מאַקאַבראַן האָט אים שיר זיין לאַנד גאַנץ גענומען.

דער שטרייט דויערט פיל אייביקע טעג,
דאָס מעג איך אייך ניט זאָגן.
ביז בבא קריגט איבערוועג
און דאָס ער אים אין שטרייט האָט דערשלאָגן,
און ער'ט געהערשט אין לאַנד ביזן ברעג,
ווייל זיי האָבן אים די שליסלען אַנטקעגן געטראָגן,
מאַקאַבראַנס לאַנד האָט ער אויך דערוואָרבן,
און זיין שווער איז נון אויך געשטאָרבן.

און דאָס זעלביק לאַנד איז אויך זיין.
ער דאַרף עס ניט פיל געווינען.
אָן אַלע שטרייט נעמט ער עס איין,
גרויס רייכטום געפינט ער דערינען.
דערנאָך ציט ער אליין אַריין,

גאָר גערן טוען זיי אים דינען.
ער האָט איצט רו פון אַלע זייטן,
פון אלע קריגן און אלע שטרייטן.

ער איז אַ קיניג, גרויס אויסער מאָס,
ער איז אַ קיניג געוועלטליך איבער דריי קיניגרייכן.
זיינע צוויי זין זיינען אויכעט גראָס (גרויס),
און ווערן צוויי ריטער טוגנטלייכן.
און איטלעכן גיט ער זיין לאַנד אַ שטאָס (אַ שטויס פּאַרויס).
אין דער וועלט ניט געווען זייער גלייכן.
זיי האָבן פיל לאַנד אין זייערע הענט,
דערמיט האָט דאָס בוך אַן ענד.

די לעצטע צוויי סטראָפעס שליסט אליה בחור אויף אַזאַ אופן:

דאָ וויל איך אייך נענען פאָר,
ווער דאָס בוך האָט געמאַכט און געשריבן.
אליה בחור נענט ער זיך צוואָר.
אַ גאַנץ יאָר האָט ער אויף דעם פאַרטריבן.
און האָט עס געמאַכט דאָס זעלביקע יאָר,
דאָס מע ציילט צוויי הונדערט און זעכציק און זיבן
(רס״ז לפ״ק).
ער האָט עס אויס אין ניסן און אָנגעהויב אין אייר,
גאָט זאָל אונדז געבן פאר אלע בייזע תיר (טיר, חיות?).

און זאָל אונדז דערלייזן פון אונדזער פיין.
און זאָל אונדז די גנאָדן געבן.
אַז מיר זאָלן אלע זוכה זיין
משיחס צייט צו דערלעבן.
ער זאָל אונדז פירן קיין ירושלים אריין,
אָדער ערגעץ אין אַ דערפל דערנעבן,
און זאָל אונדז דאָס בית המקדש ווידער בויען
וכן יהי רצון אמן טרויען (אמת)...

חסלת מסכת בבא דאנטונא

נאָכדעם קומט דער סוף אין פאָר־גראַמען געשריבן אין נאָמען פון זיינע צוויי אייניקלעך :

געלויבט זיי גאָט,
דער אונדז געהאָלפן האָט,
דאָס מיר דאָס בוך אויסגעדרוקט האבן.
און מיר האָבן עס געזעצט, מיר צוויי קנאבן :
יוסף און אליה, אונדזער פאָטער הייסט כמר יצחק ביהם
פון ראָם (רוים),
און מרת חנה הייסט אונדזער מאָם (מאַמע).
און דער דאָס בוך געמאַכט האָט, דער איז אונדזער
הערלן (זיידע),
און מיר האָבן עס געמאַכט אַזוי ריין ווי אַ פערלן (פערל).
גאַנץ און גאָר, מיט גאַנצן פלייס,
דאָס ניט איז געבליבן ד(ר)ינען איין גרייז.
און דער גאָט, דער אונדז האָט געטאָן די טובה,
דאָס מיר אויסגעדרוקט האָבן בבא,
דער זאָל אונדז אויך העלפן דאָס מיר דרוקן
דאָס בוך דער שיינער גלוקן,
און אַנדערע טייטשע (יידישע) ספרים מיין,
וכן יהי רצון אָמן.

3. Elye Bokher's place in Yiddish literature; a revaluation.
4. The *Bove Bukh* and the themes frequently occurring in the romances of the period.
5. Elye Bokher's artistry.
6. His art of rhyming.
7. His artistic economy.
8. Images in the *Bove Bukh.*
9. The dynamics, vivid descriptions and dramatic qualities of the *Bove Bukh.*
10. The narrative of the *Bove Bukh* retold according to the contents of the first edition. Spread throughout the text are sixty ottava rimas rendered into modern Yiddish.

The frontispiece on page 5 of the Yiddish text is a reproduction of three ottava rimas comprising a page of the original *Bove Bukh,* printed in 1541, but first written in 1507-1508.

declined the invitation of the King, Francis I, to occupy the chair of Hebrew in the University of Paris. His refusal was due to the fact that Jews had not been permitted to live in France since the year 1394.

In 1541, then an old man over seventy, he left Venice, crossed the Alps accompanied by his two grandsons, and arrived in Germany in Isnae. Here he supervised the printing of his chivalresque romance, *Buovo Dantona,* referred to in Yiddish as the *Bove Bukh* (lately reproduced and published with a foreword by Prof. J. A. Joffe). He died in Venice at the age of 80.

Among his Yiddish poetic works all that have been traced are two poems and two romances in verse form. The two poems are *Hamavdil,* a verse pamphlet attacking a teacher of Hebrew, his competitor, Hillel Hakoen, and *Conflagration in Venice,* a pasquinade. *Bove Bukh* and *Pariz un Vienne* (the names of the two lovers, not of the cities) are both romances of chivalry, written in ottava rima. Some scholars hold that the ottava rima version of *Kinig Artish Hof* (King Arthur's Court) also emerged from the pen of Elye Bokher. Indeed, references have been found, made by his grandsons as well as by himself, to other volumes penned by Elye Bokher.

This present volume concerns itself primarily with Elye Bokher's *Bove Bukh.* Each chapter in the book is devoted to a separate topic, as follows:

1. The first edition of the *Bove Bukh;* introductory remarks.
2. Some biographical data.

house of Hebrew and cabbalistic lore. Upon leaving Rome he wandered from city to city; it was not until 1529, two years later, that he settled in Venice, where he remained until 1538, as a proofreader and editor for Daniel Bomberg's Hebrew press. Once again he resumed his profession as a teacher. Among his students and friends were distinguished scholars, who were in need of his assistance in matters of Hebrew learning. One of them was George de Selve, the French ambassador to Venice, later bishop of Lavour. Another was the humanist, Sebastian Muenster, who translated into Latin most of Elye Bokher's handbooks of the Hebrew language. Due to his disciplined knowledge of Hebrew and to his methods of presentation, he is considered the founder of the modern study of Hebrew grammar. It was Elye Bokher who raised the prestige of Hebrew in the time of the Renaissance to a standard on a par with Latin and Greek. It may even be said of him that in his time, directly through his own teaching or through the medium of his textbooks, he taught Hebrew to the scholars of the entire non-Jewish world, indeed to all those who were interested in Hebrew and in the original text of the Scriptures.

His greatest achievement as a scholar lay in proving that all marks of cantillation and vowels in the Bible were not there originally, but were a later accretion. His thesis aroused bitter controversy for several centuries; at present it is universally accepted.

Notwithstanding many adversities in his life he

Elye Bokher, the Renaissance bard, introduced the Italian trend of poetry in Yiddish literature. The year 1949 marks the 400th anniversary of his death in Venice, and the 480th anniversary of his birth. He was born in Uepschheim, a village near Regensburg, Germany, in 1469. His entire literary life was spent in Italy.

Elye Bokher was considered the outstanding Hebrew grammarian and lexicologist of his day. He opened the treasure house of Hebrew for many leading Christian humanists of his time. In the last decade of the 15th century we find him in Venice. From 1504 to 1509 he lived in Padua. Here he devoted himself to teaching, to research in grammar and lexicology, and he spent much of his time in writing verse primarily in Yiddish. Elye Bokher was forced to return to Venice after Padua was seized by the armies of the League of Cambrai. He remained in Venice until he met Egidio da Viterbo. From 1514 until 1527, the year when King Charles's men sacked Rome, Elye Bokher lived in the palace of Egidio da Viterbo, humanist, scholar, and general of the Augustine order, who later became cardinal at Rome. Elye Bokher was Egidio da Viterbo's teacher in Hebrew; among his duties were also the copying and the preparation of extracts from the great store-

N. B. MINKOFF

●

ELYE BOKHER

AND HIS BOVE-BUKH

M. VAXER PUBLISHING HOUSE
147 Division Street New York 2, N. Y.

Books by the Same Author:

●

Poems (Lieder)

Our Pierrot (Undzer Piero) — Poems

The Adventures of the Last Shadow
(Massoes fun letzn shotn) — Poems

At the Brink (Baim Rand) — Poems

System and Relativity in Poetry (about
Michl Licht)

Yiddish Classical Poets

Abraham Reisen as a Poet

Elye Bokher and his Bove-Bukh

N. B. MINKOFF